עִקַּר הָרוּחַ־חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק (תורה ח)

קונטרס

# רוחא דחיי

שיחות ומאמרים
ע"פ משנתו של
רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

מאת
הרה"ח ר' חיים בנימין וורטהיימר ז"ל

קונטרס י"ד

"'ראש' לכל השנה"

# תוכן השיחה


ראש השנה איז א גרויסע מתנה!

דער קאפ פון יאר

הכל תלוי ברא"ש

וואס דארף זיין די מחשבות ר"ה?

די הכנה צו ר"ה

ווי איז מען ממליך דעם

איבערשטן?

"ב'שמך י'גילון כ'ל ה'יום"

בענק צום צדיק ווערסטו האבן א גוט יאר!

די 'קטנות דקטנות' פון ר"ה

איך ווייס גארנישט – אבער איך האב א רבי!


הערות והארות ניתן להשאיר ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.3.02.47.43 שלוחה 0


© כל הזכויות שמורות


כדי לקחת זכות והשתתפות בהוצאת הקונטרסים ניתן לפנות

בירושלים 05331.93747  בבי"ש 05341.52325

לתרומה ממוחשבת בכרטיס אשראי ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.3.02.47.43 שלוחה 1<9

ניתן להאזין לשיעור ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.3.02.47.43 שלוחה 14<2


גרפיקה ועימוד: י. גרוס 0527644765


חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב ע"י ר' אלקנה אורבך שליט"א לרגל הולדת בתו למז"ט ובזכות מצוות זיכוי הרבים יזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכיוצ"ח

להשתתפות בהוצאת הקונטרס ולקיחת חלק בזיכוי הרבים בעת שמחתכם או לזכרון יקיריכם נא לפנות לטל' 0534159773


*חדש!*

ישמח לב מבקשי ה'

**קו רוחא דחיי**

02.3.02.47.43

שמעו ותחי נפשכם!

# 'ראש' לכל השנה

### גדולת נפלאות זכייתנו במתנה גדולה זו
### ועבודת היום בימי הראש השנה הק'

[שיחה שנמסרה בחבורת הבחורים – י"ז אלול תשע"ח]

## ראש השנה איז א גרויסע מתנה!

אשרינו מה טוב חלקנו, מיר האבן אזא מתנה, דער אויבערשטער האט אונז געגעבן א מתנה דעם ר"ה. דער רבי זאגט[א] אז דער אויבערשטער האט אים געגעבן א מתנה דער ראש השנה - א מתנה; ס'איז נישט קיין זכות אבות, ס'איז א מתנה, דער אויבערשטער האט אים אליין געגעבן א מתנה דעם "ראש השנה", און די מתנה געבט אונז דער רבי. ר"ה איז א גרויסע מתנה!

אין א אנדער פלאץ, אין תורה א' אין צווייטן חלק זאגט דער רבי[ב]: "**ראש השנה הוא חסד גדול מאת השם יתברך**" - ר"ה איז א חסד גדול פון אויבערשטן, ראש השנה איז א גרויסער חסד!

---

**א.** חיי מוהר"ן ת"ה: עָנָה וְאָמַר הָראשׁ־הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ ראשׁ־הַשָּׁנָה.

**ב.** ראה בקיצור ליקוטי מוהר"ן שם (אות י"ט): **ראשׁ הַשָּׁנָה הוּא חֶסֶד גָּדוֹל מֵאֵת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.** ושם בליקו"ת: כִּי אַתָּה בְּרַחֲמֶיךָ בָּחַרְתָּ בָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים וְקִדַּשְׁתָּנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ, **וְעָשִׂיתָ עִמָּנוּ חֶסֶד**

ביי די גאנצע וועלט איז מען רגיל צו זיך מתייחס זיין צו ר"ה - און ס'איז טאקע אזוי - ר"ה איז יום המשפט.

אזוי ווי א מענטש האט א משפט, וואס זאגט ער? מ'מוז זיך א עצה געבן - אבער די בעסטע זאך וואס מ'קען איז פטור ווערן פון די משפט, בעסער וואלט געווען אז עס וואלט בטל געווארן דער משפט. נארמאל ביי א משפט איז די בעסטע זאך אז ס'וואלט נישט געווען קיין משפט. דער בעסטער פסק וואס ס'וועט ארויסקומען, איז נאך בעסער אז ס'זאל בכלל נישט זיין קיין משפט..

במילא, ר"ה איז אזא סארט טאג וואס ס'קוקט אויס אזא 'בדיעבד'; אז ס'איז שוין דא א משפט איז מוז מען זיך א עצה געבן..

אבער למעשה זאגט מען א "**שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה**" – [מ'זעהט אז] ס'דארף זיין א גרויסע שמחה, ס'איז א שמחה אז ס'קומכט אן ר"ה!

וואס איז די שמחה? - איז פארשטייט זיך ס'שטייט שוין [אין די ספרים ג] אסאך ביאורים אויף דעם, ס'איז נישט קיין נייע זאך - אבער אף על פי כן

---

**גָּדוֹל הַזֶּה, וְנָתַתָּ לָנוּ מַתָּנָה טוֹבָה הַזֹּאת, שֶׁהִיא רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַקָּדוֹשׁ**, יוֹם קָדוֹשׁ וְנוֹרָא וְאָיוֹם מְאֹד, אֲשֶׁר בּוֹ תִנָּשֵׂא מַלְכוּתֶךָ וְיִכּוֹן בְּחֶסֶד כִּסְאֶךָ וְתֵשֵׁב עָלָיו בֶּאֱמֶת. וּבְרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים וַחֲסָדֶיךָ הָעֲצוּמִים קָבַעְתָּ לָנוּ אֶת יוֹם רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ, יוֹם הַדִּין הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא, בְּרֹאשׁ חֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי, שֶׁהוּא חֶסֶד גָּדוֹל וְנִפְלָא מֵאִתְּךָ בַּעַל הַחֶסֶד וְהָרַחֲמִים, אֲשֶׁר אַתָּה חוֹשֵׁב מֵרָחוֹק לְהֵטִיב אַחֲרִיתֵנוּ וכו'. וראה בליקו"ה ציצית ג, ז (עפ"י דברי רבנו בתורה הזאת): הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כְּשֶׁלּוֹבֵשׁ לְבוּשֵׁי גַּאֲוָתוֹ בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה לָדוּן אֶת הָעוֹלָם בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה, **הוּא דָּן אֶת יִשְׂרָאֵל בְּרַחֲמִים גְּדוֹלִים, כִּי רֹאשׁ הַשָּׁנָה הוּא חֶסֶד גָּדוֹל** שֶׁקָּבַע יוֹם הַדִּין בְּרֹאשׁ חֹדֶשׁ בְּעֵת שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ אוֹמֵר, הָבִיאוּ עָלַי כַּפָּרָה וְכוּ', עַיֵּן שָׁם כָּל זֶה הֵיטֵב. (וראה עוד בהל' תפילין ה, כד).

**ג.** ומקרא מלא דיבר הכתוב בנחמיה (ח' ט-י): וַיֹּאמֶר נְחֶמְיָה וגו' לְכָל הָעָם, הַיּוֹם קָדֹשׁ הוּא לַיהוָה אֱלֹהֵיכֶם **אַל תִּתְאַבְּלוּ וְאַל תִּבְכּוּ** כִּי בוֹכִים כָּל הָעָם כְּשָׁמְעָם אֶת דִּבְרֵי הַתּוֹרָה. וַיֹּאמֶר לָהֶם לְכוּ **אִכְלוּ מַשְׁמַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים** וְשִׁלְחוּ מָנוֹת לְאֵין נָכוֹן לוֹ כִּי קָדוֹשׁ הַיּוֹם לַאֲדֹנֵינוּ **וְאַל תֵּעָצֵבוּ** כִּי חֶדְוַת יְהוָה הִיא מָעֻזְּכֶם. וכתב רש"י: היום קדוש. כי יום ר"ה הוא. כי בוכים כל העם. מפני שלא קיימו התורה כראוי. וראה שו"ע או"ח סי' תקצ"ז סעי' א': אוכלים ושותים ושמחים ואין מתענין וכו' אמנם לא יאכלו כל שבעם למען לא יקלו ראשם ותהיה יראת ה' על פניהם. ושם במשנ"ב ס"ק א': אף שהוא יום הדין **מ"מ מצוה של ושמחת בחגך שייך גם בו שגם הוא**

דער רבי האט אריינגעברענגט עפעס א חַיּוּת אין ר"ה. און מען זעט עס במציאות – אז דער חַיּוּת וואס דער רבי געבט אריין אין דעם ר"ה, דאס אז דער ברסלב'ער ר"ה. מ'רופט עס אין ברסלב "דעם רבינ'ס ר"ה".

---

**בכלל חג** כדכתיב תקעו בחודש שופר בכסה ליום 'חגנו', ונאמר (בנחמיה ח') אכלו משמנים ושתו ממתקים וגו' כי חדות ד' היא מעוזכם.

ובטור או"ח סי' תקפ"א סי' ד מביא דברי המדרש (מדר"ר דברים, ובירושלמי ר"ה פ"א ה"ג): אמר רבי סימון כתיב כי מי גדול וגו' איזו אומה כאומה זו שיודעת אופייה של אלוהיה [פי' מנהגיו ודיניו]. שמנהגו של עולם אדם שיש לו דין לובש שחורים ומתעטף שחורים וכו' לפי שאינו יודע איך יצא דינו. אבל ישראל אינם כן, לובשים לבנים ומתעטפים לבנים וכו' **ואוכלים ושותים ושמחים בראש השנה, לפי שיודעין שהקב"ה יעשה להם נס**.

[ומאידך גיסא, ראה בטור סי' תקפ"ב סעי' ח שמביא דעות של כמה גאונים שאומרים בר"ה "מועדים לשמחה", אולם לדינא נפסק בשו"ע שאין אומרים, והטעם ראה ב"ח ולבוש שם שהוא מצד אימת הדין וכו'. וכן אין אומרים הלל בראש השנה, והוא גם מצד אימת הדין וכו', עיי"ש בטוש"ע סי' תקפ"ד סעי' א. ומקור הדברים בדברי חז"ל (ר"ה דף ל"ב): אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה, רבש"ע מפני מה אין ישראל אומרים שירה לפניך בר"ה וביום הכפורים, אמר להם אפשר מלך יושב על כסא דין וספרי חיים וספרי מתים פתוחין לפניו, וישראל אומרים שירה.].

ובביאור הענין, ראה בשל"ה ווי העמודים פרק כ'. ובדרשות חת"ס גם מוזכר עני"ז כמה פעמים. ובספרי החסידות; ראה בכתר שם טוב ח"ב דף י"א: הלא ראש השנה הוא יום טוב, ובמשנה (ר"ה כט:) יום טוב של ראש השנה וכו', **והוא יום שמחה, על כן אומרים שהחיינו**. ומה שכתב האריז"ל לבכות, הוא משום גלות השכינה וכו' וכדי שידיננו ה' יתברך לטוב, והוא שכתב (נחמיה ח') לכו אכלו משמנים וגו' כי חדות ה' היא מעוזכם. והבכיה שבוכין הוא בכיה של שמחה של שהחיינו והגיענו וכו'. (ובבני יששכר מאמרי חודש תשרי מאמר ג' דרוש ב'. ובשפת אמת ר"ה שנת תרס"א. ובשם משמואל ר"ה תרע"א).

וראה באוצר היראה ערך תשרי אות מ"ה: צְרִיכִין לִנְסֹעַ לְצַדִּיקֵי אֱמֶת עַל רֹאשׁ־ הַשָּׁנָה, כִּי רַק הֵם יְכוֹלִין לְהַמְשִׁיךְ דַּרְכֵי הַתְּשׁוּבָה בִּשְׁלֵמוּת, **וְהָעִקָּר - לְהַמְתִּיק תֹּקֶף הַדִּין שֶׁל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה וּלְהַמְשִׁיךְ שִׂמְחָה עַל עַצְמוֹ** [כְּמוֹ שֶׁהִזְהִיר אַדְמוֹ"ר ז"ל, שֶׁבְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה צְרִיכִין לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה. וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב בִּנְחֶמְיָה לְעִנְיַן רֹאשׁ-הַשָּׁנָה (נְחֶמְיָה ח): אִכְלוּ מַשְׁמַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַּקִּי וְאַל תֵּעָצֵבוּ כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם וְכוּ'.] שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה עִקַּר תִּקּוּן הַתְּשׁוּבָה; כִּי **אַף־עַל־פִּי שֶׁשּׁוֹפָר שֶׁל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה הוּא בְּחִינַת לֵב נִשְׁבָּר**, כִּי הַבַּעַל־ תְּשׁוּבָה צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ לֵב נִשְׁבָּר, שֶׁזֶּה בְּחִינַת "הֲיִתָּקַע שׁוֹפָר בְּעִיר וְעָם לֹא יֶחֱרָדוּ", **אֲבָל אַחַר לֵב נִשְׁבָּר צָרִיךְ לָבוֹא לְשִׂמְחָה**. וְזֶה בְּחִינַת "אַשְׁרֵי הָעָם יוֹדְעֵי תְרוּעָה" וְכוּ', וְסָמִיךְ לֵהּ: "בְּשִׁמְךָ יְגִילוּן כָּל הַיּוֹם" וְכוּ' (עפ"י ליקו"ה הל' שבת ז, מו).

"דעם רבינ'ס ר"ה"; ס'איז אזא סארט חִיּוּת וואס מ'לעבט פון דעם, מ'ווארט אויף דעם, מ'רעדט פון דעם.. - דאס איז דער חִיּוּת פון א גאנץ יאר!

איך געדענק יארן צוריק איז געווען עפעס איינער, איינער נישט קיין ברסלב'ער - ער איז געקומען ר"ה צום 'קיבוץ' נאך אין ארץ ישראל, פאר ס'האט זיך געעפנט די טויערן (פון רבינ'ס ציון אין אומן) - האט ער געזאגט: **אין ברסלב איז דא עפעס א אנדער סארט ר"ה!** [ס'איז געווען זייער ערנסט - אמאל איז געווען זייער ערנסט ר"ה[ד] - אבער עס איז א אנדער סארט ר"ה, עס איז א אנדער סארט ר"ה.]

די אנגעצויגנקייט וואס ס'איז דא אין די וועלט, ס'נישט דאס. עס איז דא עפעס א אנדער סארט ר"ה. [דער רבי לערנט אונז:] **ר"ה איז עפעס א טאג - א מתנה!** מיר האבן באקומען א מתנה ראש השנה!

דער ר"ה איז זיך מתלבש אין דעם "דין", די מתנה פון ר"ה איז זיך מתלבש אין דעם דין[ה] - [אבער] דער 'דין' איז א מתנה דא. מ'האט אונז געגעבן א מתנה ר"ה! מ'האט אונז געגעבן א מתנה!!

---

ובהל' בכור בהמה טהורה ד, כ"ט: **בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִקַּר הַהִתְגַּלּוּת הוּא הַיִּרְאָה, וְגַם אָז צְרִיכִין לִשְׂמֹחַ** כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה (נחמיה ח') "אִכְלוּ מַשְׁמַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים וְשִׁלְחוּ מָנוֹת" וכו', "וְאַל תֵּעָצֵבוּ כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם". כִּי זֶה עִקַּר הָאַזְהָרָה שֶׁהִזְהִיר אוֹתָם אָז נְחֶמְיָה כְּשֶׁרָאָה שֶׁנָּפַל עֲלֵיהֶם יִרְאָה וּפַחַד גָּדוֹל כְּשֶׁקָּרְאוּ לִפְנֵיהֶם אֶת הַתּוֹרָה מֵחֲמַת שֶׁרָאוּ בְּעַצְמָן שֶׁעָבְרוּ מְאֹד אָז כִּמְעַט עַל כָּל הַתּוֹרָה, כִּי נִכְשְׁלוּ אָז בְּנָשִׁים נָכְרִיּוֹת עַל-כֵּן אָמַר לָהֶם **שֶׁאַף-עַל-פִּי שֶׁעָשׂוּ מַה שֶּׁעָשׂוּ וְעַכְשָׁו נָפַל עֲלֵיהֶם יִרְאָה וְנִתְעוֹרְרוּ לִתְשׁוּבָה יִהְיוּ נִזְהָרִין מְאֹד מְאֹד מֵעַצְבוּת בִּבְחִינַת וְאַל תֵּעָצֵבוּ שֶׁלֹּא יָבֹאוּ עַל-יְדֵי הַיִּרְאָה וְהַפַּחַד לְעַצְבוּת חַס וְשָׁלוֹם. "כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם"**, כִּי ה' יִתְבָּרַךְ מְחַזֵּק אוֹתָנוּ בְּשִׂמְחָה וְחֶדְוָה בְּכָל מָקוֹם שֶׁאֲנַחְנוּ שָׁם, וּכְמוֹ שֶׁאָמַר רַבֵּנוּ זַ"ל שֶׁאֲפִלּוּ אִם הָאָדָם הוּא כְּמוֹ שֶׁהוּא תֵּכֶף שֶׁמְּעוֹרֵר לָשׁוּב לַה' יִתְבָּרַךְ תֵּכֶף הוּא עֲבֵרָה גְּדוֹלָה כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ עַצְבוּת חַס וְשָׁלוֹם. **וְעַל-כֵּן גַּם בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה וְיוֹם הַכִּפּוּרִים צְרִיכִין לְהִתְחַזֵּק לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה**. (וראה עוד בהל' פו"ר ג, י).

**ד.** [ראה שיש"ק החדש א, קצ"ח.]

**ה.** ראה ליקו"מ תורה ע"ד: וְעַל כֵּן, זֶה הַדִּין הוּא בְּחִינַת דִּינָא קַדִּישָׁא רַק שֶׁהוּא בְּחִינַת מֹחִין דְּקַטְנוּת שֶׁמִּשָּׁם עִקַּר אֲחִיזַת הַדִּין כַּיָּדוּעַ וכו', בְּחִינַת פַּחַד יִצְחָק, הַיְנוּ שֶׁזֶּה הַדִּין הַקָּדוֹשׁ, שֶׁהוּא

ס'שטייט[ו], אז דער אויבערשטער זאגט אויף שבת: "**מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה.. לך והודיעם**" - מ'דארף זיי מודיע זיין וועגן די מתנה, זיי זאלן וויסן. זאגט דארטן די גמרא: "**מכאן שהנותן מתנה לחבירו צריך להודיעו**" - א מענטש געבט א מתנה דארף מען מודיע זיין וואס איז די מתנה, זאל ער וויסן וואס ער באקומט. אז נישט, געבסטו א מענטשן א מתנה און ער ווייסט נישט וואס ער האט באקומען דא..

ס'איז א מצוה צו מודיע זיין די מתנה! אז מיר האבן אזא מתנה ראש השנה, דארפן מיר וויסן וואס איז די מתנה, וואס איז די מתנה.. – ס'איז א גרויסע מתנה!

## דער קאפ פון יאר

די ערשטע זאך דארף מען וויסן אז ר"ה ווערט אנגערופן "ראש השנה". וואס איז טייטש 'ראש השנה'? דער אנהויב פון דעם יאר! - דאס איז דער פשוטער טייטש פון ר"ה. די משנה רעכנט אויס "**ארבעה ראשי שנים הם**[ז]", און איינע פון דעם איז "**באחד בתשרי ראש השנה לשנים**".

---

בְּחִינַת יִצְחָק הוּא נוֹלָד וְנִמְשָׁךְ מֵאַבְרָהָם, שֶׁהוּא בְּחִינַת חֶסֶד. **כִּי בֶּאֱמֶת בְּזֶה הַדִּין מְלֻבָּשׁ חֶסֶד גָּדוֹל, כִּי הוּא לְטוֹבָתוֹ** בְּחִינַת "אֶת אֲשֶׁר יֶאֱהַב ה יוֹכִיחַ" וכו' בְּחִינַת "בִּגְבוּרוֹת יֵשַׁע יְמִינוֹ" **שֶׁבְּתוֹךְ הַגְּבוּרוֹת וְהַדִּינִים מְלֻבָּשׁ בָּהֶם יֵשַׁע יְמִינוֹ, בְּחִינַת חֶסֶד כִּי זֶה הַדִּין נִמְשָׁךְ מֵחֶסֶד** וכו' עיי"ש. וראה בליקו"ה מתנה ה, י"א: וְעִקַּר הַכֹּחַ שֶׁיּוּכַל לְהִתְחַזֵּק מִי שֶׁהוּא אֲפִלּוּ בְּתַכְלִית הַיְרִידָה, הוּא עַל יְדֵי שֶׁמְּקַבְּלִין כֹּחַ מִבְּחִינַת גִּבֹּרֵי כֹחַ עֹשֵׂי דְבָרוֹ לִשְׁמֹעַ בְּקוֹל דְּבָרוֹ, שֶׁהֵם הַצַּדִּיקִים הַגְּבוֹהִים שֶׁזּוֹכִין לִבְחִינַת נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע הָעֶלְיוֹן הַנַּ"ל, שֶׁהוּא בְּחִינַת תּוֹרַת ה' וּתְפִלַּת ה' שֶׁשָּׁם הַחֶסֶד וְהַצְּדָקָה עַד אֵין סוֹף בְּחִינַת חַסְדֵי ה' כִּי לֹא תָמְנוּ וְכוּ', **שֶׁזֶּה הַחֶסֶד מַמְשִׁיכִין בְּיוֹתֵר בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁהוּא חֶסֶד גָּדוֹל**, כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר (ליקו"מ א' תנינא) וכו'. וְכָל זֶה זוֹכִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה בְּיוֹתֵר, וְעַל כֵּן הוֹלְכִין וְנוֹסְעִין לָבוֹא עַל קִבְרֵי צַדִּיקִים בְּעֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, כִּי נֶעְלָם מִמֶּנּוּ וְלֹא נֵדַע מִי הוּא זֶה שֶׁיָּכוֹל לְהַמְשִׁיךְ הַחֶסֶד הָעֶלְיוֹן הַנִּפְלָא הַזֶּה בְּעֹצֶם יְרִידָתֵנוּ וכו'.

**ו.** שבת דף י:

**ז.** מסכת ר"ה א, א. (ושם במשנה ב', "בראש השנה כל באי העולם עוברין לפניו כבני מרון" וכו').

[אבער ס'איז נאכמער פון דעם:] דער רבי זאגטח: "**ראש השנה הוא בחינת 'ראש', כי הוא ראש השנה**". ר"ה איז דער פשט: דעם 'ראש' פון דעם יאר, דער מח פון דעם יאר. דאס הייסט ראש השנה - ר"ה איז דער מח פון דעם יאר, דער יאר האט א מח.

דער רבי זאגט אז ר"ה קומען זיך צוזאמען "דריי ראשים". ר"ה איז דער ראש פון דעם יאר, און יעדער איינער קומט צום ר"ה מיט זיין ראש, און מ'דארף קומען צום צדיק וואס ער איז דער "ראש בני ישראל".

מ'דארף קומען צום ר"ה מיט קאפ. ר"ה איז א טאג וואס מ'דארף קומען מיט "קאפ", יעדער איינער דארף קומען מיט זיין 'ראש' צום ר"ה.

איינער וואס פאלט אריין - ס'איז דא א מענטש וואס ער פאלט אריין אין דעם ר"ה, ער איז אריינגעפאלן, ער ווייסט נישט פונקט ער האט זיך געטראפן ס'איז ר"ה, ער איז אריינגעפאלן.. - דאס הייסט ער איז געקומען צו דעם טאג אָן א קאפ! מ'דארף קומען מיט א קאפ, דער מח דארף זיין אנגעגרייט אויף ר"ה.

און מ'דארף קומען ר"ה צום צדיק, וואס ער איז דער "ראש בני ישראל" - ער איז דער 'ראש' פון כלל ישראל, ער איז דער קאפ פון כלל ישראל. דער צדיק ער איז דער קאפ פון כלל ישראל, ער איז דער מח פון כלל ישראל, ער איז דער שכל פון כלל ישראל.

---

**ח.** ליקו"מ תורה צ"ד תנינא: שָׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ שֶׁהָיָה כָּתוּב אֶצְלוֹ תּוֹרָה עַל עִנְיַן רֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁצְּרִיכִין לִנְסֹעַ לְצַדִּיקִים עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְהָיָה מְבֹאָר שָׁם מֵעִנְיַן **שְׁלֹשָׁה רָאשִׁים** שֶׁמִּתְקַבְּצִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה כְּשֶׁזּוֹכִין אָז לִהְיוֹת אֵצֶל הַצַּדִּיק כִּי הַצַּדִּיק הוּא בְּחִינַת רֹאשׁ, כִּי הוּא רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל. **וְרֹאשׁ הַשָּׁנָה הוּא גַּם כֵּן בְּחִינַת רֹאשׁ, כִּי הוּא רֹאשׁ הַשָּׁנָה**. וְכָל אֶחָד בָּא עִם מֹחוֹ וְדַעְתּוֹ לְהַצַּדִּיק וּמְקַשֵּׁר דַּעְתּוֹ וּמֹחוֹ שֶׁבְּרֹאשׁוֹ, שֶׁזֶּהוּ גַּם כֵּן בְּחִינַת רֹאשׁ לְהַצַּדִּיק שֶׁהוּא רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל (שמות ל), בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה. נִמְצָא שֶׁנִּתְקַבְּצוּ שְׁלֹשָׁה רָאשִׁים יַחַד. [וְהָיָה לוֹ בָּזֶה תּוֹרָה שְׁלֵמָה, וְלֹא זָכִיתִי לְקַבְּלָהּ].

און ר"ה איז דער ראש פון דעם יאר; דער יאר האט א קאפ - וואס הייסט עס אז דער יאר האט א קאפ? פון וואנעט באמת נעמט זיך דעם נאמען **"ראש** השנה"?!

שטייט אין פסוק[ט]: **"עֵינֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בָּהּ מֵרֵשִׁית הַשָּׁנָה וְעַד אַחֲרִית שָׁנָה"**. זאגט רש"י: **"מראש השנה נדון מה יהיה בסופה"**.

דאס הייסט, אז ר"ה איז נישט נאר אַן אנהויב פון דעם יאר, ס'איז נישט סתם נאר עפעס א 'אנהויב' - **ר"ה איז דער טאג וואס איז דער פלאן פון א גאנץ יאר.** "ראש השנה" איז, אז דער אויבערשטער קוקט אויס וואס עס וועט זיין דער גאנצער יאר.

דאס הייסט, אז ר"ה איז דער אנהויב פון דעם יאר - און נישט נאר וואס ער איז דער אנהויב פון דעם יאר, נאר ר"ה דעמאלט'ס קוקט מען אויס דעם יאר. אלעס וואס טוט זיך אין דעם יאר - האט מען אלץ אויסגעשטעלט ר"ה. אלץ האט מען אויסגעשטעלט, אלץ וואס גייט דורכן יאר, יעדן טאג מיט זיינע זאכן פאר יעדן איינעם – האט מען אלץ אויסגעשטעלט ר"ה.

אזוי ווי א מענטש; מ'זעהט א מענטש גייט, ער רוקט די הענט, ער רוקט די פיס, ער רוקט אלע איברים - אבער דאס איז אלעס נאר די קאפ פון אויבן, די קאפ פון אויבן פירט אלע איברים. טאמער ח"ו מ'נעמט א מענטש און מ'האקט אים אפ דעם קאפ, ארבעטן נישט די אלע איברים.. דאס הייסט אז דער קאפ פירט די איברים[י].

---

**ט.** ראה בליקו"מ תורה ה' תנינא (אות י"ד): בְּחִינַת ראשׁ הַשָּׁנָה שֶׁהוּא בְּחִינַת ראשׁ וּמֹחִין כַּנַּ"ל. חוּשׁ הָרְאִיָּה בְּראשׁ הַשָּׁנָה הוּא בִּבְחִינַת (דְּבָרִים י"א, יב): "תָּמִיד עֵינֵי ה אֱלֹקֶיךָ בָּהּ מֵרֵאשִׁית הַשָּׁנָה וְעַד אַחֲרִית שָׁנָה" בְּראשׁ הַשָּׁנָה נִדּוֹן מַה יְּהֵא בְּסוֹפָהּ (כַּמּוּבָא בְּפֵירַשִׁ"י שָׁם) **שֶׁבְּראשׁ הַשָּׁנָה רוֹאֶה וּמַשְׁגִּיחַ עַל כָּל הַשָּׁנָה, מַה יְּהֵא בְּסוֹפָהּ**. וראה בירח האיתנים על תורה י"ג: עיקר המשכת השגחה שלימה צריכין להמשיך בר"ה בחי' עיני ה' אלהיך בה מראשית השנה וכו' בחי' בר"ה נידון מה יהא בסופה. וראה ראה זוהר שמות דף קפ"ד. (וראה עוד בליקו"ה ריבית ה, יג. מובא לקמן בהערות).

**י.** ראה ליקו"ה הל' ערלה ד, יח וזל"ש: וּמֵראשׁ הַשָּׁנָה נִמְשָׁךְ הַחִיּוּת וְהַתִּקּוּן לְכָל הַשָּׁנָה כֻּלָּהּ וְעַל-כֵּן נִקְרָא רֹאשׁ הַשָּׁנָה. רֹאשׁ דַּיְקָא, כִּי יֵשׁ שָׁלֹשׁ קוֹמוֹת, עוֹלָם, שָׁנָה, נֶפֶשׁ. וּכְמוֹ שֶׁבְּקוֹמַת

דער ר"ה פירט דעם יאר! דער ר"ה פירט דעם יאר! דער יאר איז נישט הפקר, דער יאר ארבעט נישט אליין. א מענטש מיינט, כסלו איז כסלו, תמוז איז תמוז.. יעדער צייט איז א צייט פאר זיך אליין - ניין ניין ס'איז אלעס געבונדן מיטן קאפ פון דעם יאר.

עד כדי כך, אז ביים רבי'ן איז געווען דער עיקר דער ר"ה. דער רבי האט געזאגט[יא]: "**ס'ענדיגט זיך דער ר"ה טראכט ער שוין פון דעם צווייטן ר"ה**". דער עיקר איז דער ר"ה - דער גאנצער יאר איז שוין כמעט ממילא. דער עיקר פון דעם יאר, דער עיקר צורה פון דעם יאר - איז תלוי אין ר"ה.

אזוי שטארק איז דער טאג פון ר"ה, א מענטש זאל וויסן: ר"ה האסטו געמאכט די ארבעט [פאר א גאנץ יאר], דער עיקר ארבעט איז ר"ה!

---

נֶפֶשׁ שֶׁהוּא קוֹמַת הָאָדָם עִקַּר חִיּוּת הָאָדָם תָּלוּי בְּהָרֹאשׁ שֶׁשָּׁם הַמֹּחִין שֶׁמְּחַיִּין כָּל קוֹמַת הַגּוּף כַּיָּדוּעַ לְחַכְמֵי הַנִּתּוּחַ שֶׁחִיּוּת כָּל הַגּוּף עַד צִפָּרְנֵי הָרֶגֶל, הַכֹּל נִמְשָׁךְ מֵהַמֹּחַ שֶׁשָּׁם עִקַּר מִשְׁכַּן הַנְּשָׁמָה הַמְחַיָּה אֶת הַגּוּף כָּל אֵבֶר וְאֵבֶר, כְּפִי חִיּוּתוֹ, **כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ נִקְרָא יוֹם הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא הַזֶּה רֹאשׁ הַשָּׁנָה, 'רֹאשׁ' דַּיְקָא, דְּהַיְנוּ שֶׁבּוֹ עִקַּר הַמֹּחַ וְהַחִיּוּת שֶׁל כָּל הַשָּׁנָה, כִּי בּוֹ מַתְחִילִין כָּל הַתִּקּוּנִים וְהוּא מְחַיֶּה אֶת כָּל יְמוֹת הַשָּׁנָה** כְּמוֹ הָרֹאשׁ שֶׁבָּאָדָם שֶׁמְּחַיֶּה כָּל הַגּוּף וְאֵין שׁוּם הַרְגָּשָׁה וְחִיּוּת בְּשׁוּם אֵבֶר בְּלֹא הַחִיּוּת הַנִּמְשָׁךְ לוֹ מֵהָרֹאשׁ וְהַמֹּחַ כַּיָּדוּעַ, כְּמוֹ כֵן **אֵין חִיּוּת וְתִקּוּן בְּכָל יְמוֹת הַשָּׁנָה כִּי אִם עַל-יְדֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה**, 'רֹאשׁ' דַּיְקָא שֶׁמְּחַיֶּה אֶת כָּל הַקּוֹמָה כַּנַּ"ל.

[וראה ברוחא דחיי קונטרס י"ג (עמוד ה'): מען געהאט געלערנט דא פון הלכות ערלה (הלכה ד, אות יח), וואס ר' נתן זאגט דארטן: אז אזוי ווי דער מוח גייט אריבער אין אלע גידים און אלע איברים, אזוי גייט דער ראש השנה אריבער אין דעם [גאנצן] יאר. דאס הייסט, אז יעדער טאג, **יעדער טאג פון יאר - איז א שטיקל פון ראש השנה.**

**ס'איז פשוט, דער ראש השנה גיט זיך ארויס במשך דער גאנצן יאר**. [ס'איז טאקע בלויז איין טאג, אבער דער גאנצער יאר איז תלוי אין דעם] דער פשט איז: אזוי ווי א מענטש מאכט א פעולה, איז ווער מאכט דאס?! דער מענטש רוקט די האנט, דער מענטש טוט א פעולה מיט די האנט - אבער ס'איז נישט די האנט מאכט עס - נאר דער מח מאכט עס דורך די כלי פון די האנט, אבער ס'איז [בעצם] דער מוח!]

**יא.** שיחות הר"ן רט"ו: אָמַר: אֶצְלִי הָעִקָּר הוּא רֹאשׁ הַשָּׁנָה, **וְתֵכֶף כְּשֶׁחוֹלֵף וְעוֹבֵר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֲנִי מַטֶּה אָזְנִי וְשׁוֹמֵעַ אִם מַכִּין בַּכֹּתֶל לְעוֹרֵר לִסְלִיחוֹת לַשָּׁנָה הַבָּאָה**. כִּי אֵין שׁוּם זְמַן כְּלָל, כִּי כָּל הַשָּׁנָה חוֹלֵף וְעוֹבֵר כְּהֶרֶף עַיִן.

## הכל תלויברא"ש

ס'איז פחד'יג - פון איין זייט איז דאס א געוואלדיגע מתנה; מ'זאגט אונז, דא ליגט אלעס. און פון די אנדער זייט, איז א געוואלדיגע פחד נישט צו מגרע זיין פון דעם טאג. ווייל אלעס איז תלוי אין דעם טאג. לויט דעם ווענדעט זיך אלעס. דארף א מענטש ר"ה זיך מפנה זיין פון אלע זאכן און אריינטאן דעם גאנצן כח אין דעם טאג.

אבער ווי קען א מענטש פלוצלונג אין איין טאג אלעס אוועקווארפן, בייטן די גאנצע קאפ? ס'איז נישט בנמצא, א מענטש קען נישט אליין מאכן (פון אים), אז דער טאג איז פשוט דער קאפ - אלע אנדערע טעג זענען פיס מיט הענט, און דער טאג איז א קאפ..

אזא חילוק זאל זיין ביי א מענטשן צווישן ר"ה מיט די אנדערע טעג פון יאר, אזא חילוק זאל זיין? - איך זע נישט קיין מענטשן וואס ער האט אזא מח, אז ר"ה זאל זיין ביי אים אזא חילוק; ממש דער טאג הייסט א קאפ און די אנדערע הייסן פינגער אדער אנדערע סארט איברים.. - אזא חילוק זאל זיין צווישן ר"ה און א גאנץ יאר?!

זאגט דער רבי[יב] - אז דערפאר דארף מען קומען צום צדיק ר"ה. ווייל מיר אליין זענען נישט אזעלכע 'קעפ מענטשן'; מיר זענען נישט אזעלכע מענטשן

**יב.** ליקו"מ תורה רי"א: מַה שֶּׁהָעוֹלָם נוֹסְעִין עַל ראשׁ הַשָּׁנָה לְצַדִּיקִים, כִּי עִקַּר הַמְתָּקַת הַדִּינִין אֵינוֹ אֶלָּא עַל יְדֵי קְדֻשַּׁת וְטָהֳרַת הַמַּחֲשָׁבוֹת כִּי שָׁם שָׁרְשָׁם, כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר "כֹּלָּא בְּמַחֲשָׁבָה אִתְבְּרִרוּ" (עיין זוהר פקודי רנד:). וְאִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לְמֹחִין זַכִּים אֶלָּא עַל יְדֵי הִתְקַשְּׁרוּת לְצַדִּיקִים כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר: "וַיִּקַּח משֶׁה אֶת עַצְמוֹת יוֹסֵף" משֶׁה הוּא בְּחִינַת מֹחִין, וְיוֹסֵף הוּא בְּחִינַת צַדִּיק הַיְנוּ שֶׁאֵין שְׁלֵמוּת לְמֹחִין אֶלָּא עַל יְדֵי הִתְקַשְּׁרוּת לְצַדִּיקִים **וְראשׁ הַשָּׁנָה הוּא מְקוֹר הַדִּינִים שֶׁל כָּל הַשָּׁנָה וְצָרִיךְ לְטַהֵר אֶת מַחֲשַׁבְתּוֹ כְּדֵי לְהַמְתִּיקָם, וּבִשְׁבִיל זֶה נוֹסְעִין לְצַדִּיקִים כְּדֵי לִזְכּוֹת לִקְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה.** וראה בליקו"ה בית הכנסת ה, כג: וְזֶהוּ בְּחִינַת גֹּדֶל בֵּרוּר וּקְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה שֶׁצְּרִיכִין בְּראשׁ הַשָּׁנָה כְּמוֹ שֶׁכָּתַב אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּמָקוֹם אַחֵר (תורה רי"א) שֶׁבִּשְׁבִיל זֶה

וואס מצד אונזער מחשבה אליין קענען מיר האלטן אזוי שטארק אונזערע מחשבות ר"ה.. - דערפאר דארף מען קומען צום צדיק.

און דער עיקר דארף מען קומען צום צדיק מיטן קאפ, מ'דארף קומען ר"ה צום צדיק מיטן קאפ! **וואס הייסט קומען צום צדיק מיטן קאפ? מ'דארף ווערן א אמת'ער תלמיד ביים צדיק!**

וואס הייסט אז מ'קומט צום צדיק מיט א קאפ – אז איך לייג אוועק מיין שכל און איך טוה אָן אויף זיך דעם קאפ פון צדיק. אזוי ווי רבי נתן איז געקומען צום רבי'ן האט ער אוועקגעלייגט זיין מח [יג]. דאס הייסט א מענטש לייגט אוועק זיין מח; א מענטש קומט צום צדיק ער לייגט אוועק זיין מח, ער איז זיך מבטל פארן צדיק. און אז דער צדיק'ס מח פירט אים, דעמאלט'ס קען זיין דער ר"ה א קאפ אויף א גאנץ יאר.

און וואס איז טאקע דער קאפ פון ר"ה? - דער קאפ פון ר"ה דאס איז דער קאפ וואס מען האט פריער געזאגט, איז דאס אז די "**השגחה**". ר"ה ווערט אנגערופן דער קאפ פון דעם יאר, ווייל ר"ה דארטן ליגט די השגחה פון אנהויב יאר אויף א גאנץ יאר. דער אויבערשטער איז דן די גאנצע בריאה ר"ה. דער רבש"ע קוקט [יד]; ר"ה קוקט ער אויף יעדן איינעם וואס זאל זיין דער יאר און שרייבט אים אויס דער גאנצער יאר.

---

צְרִיכִין לִנְסֹעַ לְצַדִּיקִים עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה כְּדֵי לְבָרֵר וּלְקַדֵּשׁ הַמַּחֲשָׁבָה, עַיֵּן שָׁם. [..] וְזֶה עִקַּר עִסְקֵנוּ וְצַעֲקָתֵנוּ בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה לְבָרֵר וּלְקַדֵּשׁ הַמַּחֲשָׁבָה שֶׁבָּזֶה תָּלוּי כָּל הַקְּדֻשּׁוֹת וְהַמְתָּקַת כָּל הַדִּינִים שֶׁבָּעוֹלָם שֶׁבִּשְׁבִיל זֶה נוֹסְעִים לַצַּדִּיקִים עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה כַּנַּ"ל. וראה בליקו"ה ערלה ג, יא: וְזֶה בְּחִינַת רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַרְבָּעָה רָאשֵׁי שָׁנִים וכו' הֵן כִּי בְּכָל הָאַרְבָּעָה רָאשֵׁי שָׁנִים שֶׁהֵם יְמֵי דִין, כִּי עִקַּר בֵּרוּר הַדִּינִים הוּא עַל-יְדֵי הַמֹּחַ שֶׁהוּא הָרֹאשׁ כִּי כֻּלָּם בְּמַחֲשָׁבָה אִתְבְּרִירוּ. וְעַל-כֵּן בְּכָל הָרָאשֵׁי שָׁנִים שֶׁהֵם בְּחִינַת רָאשִׁים בְּחִינַת מֹחַ אָז צְרִיכִין לְהַמְתִּיק דִּינִים וכו'.

**יג.** ראה שיש"ק החדש ב, קמ"ז.

**יד.** וראה בליקו"ה ריבית ה, יג: **וְזֶה עִקַּר הַמִּשְׁפָּט שֶׁל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שֶׁגּוֹזְרִין עָלָיו שֶׁיִּתְנַהֵג עִמּוֹ בַּשָּׁנָה הַזֹּאת בְּאֹפֶן שֶׁיִּהְיֶה לוֹ בְּחִירָה כִּרְצוֹנוֹ, שֶׁיּוּכַל לִזְכֹּר וּלְהָבִין עַל-יְדֵי מַה שֶּׁיִּתְנַהֵג עִמּוֹ אִם לְטוֹב וְאִם לְהֵפֶךְ, חַס וְשָׁלוֹם, אֵיךְ לָשׁוּב לַה' יִתְבָּרַךְ אִם יָשׂוּם לִבּוֹ אֶל תַּכְלִיתוֹ הַנִּצְחִי.** וְעַל זֶה צָרִיךְ לָשׂוּם כָּל מְגַמָּתוֹ בְּכָל הַשָּׁנָה כֻּלָּהּ, בִּפְרָט בִּתְחִלַּת הַשָּׁנָה בַּעֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, בִּפְרָט בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה

ס'איז אזוי ווי א מענטש קומט אין א פלאץ און מ'וויל בויען א בנין - איז די ערשטע זאך ווען מען וויל בויען א בנין, ס'גייט נישט אז מ'הויבט אן גלייך ארבעטן. ווי בויעט מען א בנין? מ'הויבט אָן בויען?! - ס'גייט נישט אזוי. די ערשטע זאך דארף מען ברענגען מענטשן וואס זיי רירן נישט אן קיין שטיינער, זיי רירן נישט אן קיין 'מלט', זיי רירן נישט אן קיין ארבעט בכלל. מענטשן וואס זיי זענען נאר מיט די קאפ; זיי זיצן זיי טראכטן ווי אזוי דארף מען, ווי אזוי דער בנין דארף אויסקוקן, מען מאכט א פלאן, מען רעכנט אויס אהער מען רעכנט אויס אהין, אלץ נאר מיטן קאפ!

די מענטשן זיי רירן נישט אן קיין ארבעט – נאר טראכטן. די מענטשן טראכטן אויס ווי דער בנין זאל אויסקוקן, און אין דעם איז אלעס תלוי. זיי חשבונ'ען אויס, וואס עס לוינט יא און וואס עס לוינט נישט, וואס ס'איז שטארק און וואס ס'איז נישט שטארק. אויף וואספארא אויפן וועט דאס האבן א קיום און אויף וואספארא אופן וועט ח"ו איינפאלן. זיי טראכטן גוט ווי אזוי דער בנין דארף אויסקוקן, זיי ניצן דעם קאפ אינגאנצן!

די מענטשן טארן נישט אנרירן קיין שטיין, זיי טארן נישט אנרירן קיין ארבעט. די ארבעט וועלן זיי איבערלאזן פאר די אראבער. די אראבער שלעפן וועגאלאך מיט ערד מיט שטיינער - זיי רירן נישט אן אזעלכע זאכן. מ'טשעפעט נישט, מ'בויעט נישט, מען מאכט נישט קיין פְּלֶטָה. גארנישט - נאר דער קאפ! דאס איז די מענטשן וואס זיי פירן דעם בנין. די מענטשן

---

שֶׁהוּא יוֹם רִאשׁוֹן לַעֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה. וְעִקַּר הַתִּקּוּן הוּא אֱמֶת; שֶׁצָּרִיךְ לְהַאֲמִין בְּהָאֱמֶת שֶׁהַכֹּל אֶחָד, כִּי צְרִיכִים לְהַאֲמִין בְּהַשְׁגָּחָתוֹ יִתְבָּרַךְ בִּפְרָטִיּוּת שֶׁהוּא יִתְבָּרַךְ צוֹפֶה וּמַבִּיט וּמַשְׁגִּיחַ עַל כָּל אֶחָד וְאֶחָד בִּפְרָטִיּוּת כְּפִי מְקוֹמוֹ וּשְׁעָתוֹ וְעִנְיָנוֹ וכו' [..] **וכל זֶה בְּחִינַת רֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁאָז נִמְשָׁךְ הַשְׁגָּחָתוֹ בְּיוֹתֵר, כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר, "עֵינֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בָּהּ מֵרֵאשִׁית הַשָּׁנָה וְעַד אַחֲרִית שָׁנָה", כִּי הַמִּשְׁפָּט שֶׁל רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶהוּ בְּחִינַת הַשְׁגָּחָה,** שֶׁאָנוּ מַאֲמִינִים שֶׁכָּל מַה שֶּׁמִּתְנַהֵג עִם הָאָדָם בְּכָל הַשָּׁנָה, הַכֹּל בְּהַשְׁגָּחָתוֹ יִתְבָּרַךְ כְּפִי הַמִּשְׁפָּט שֶׁנִּגְזַר עָלָיו בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה. וּכְמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה עַל פָּסוּק זֶה, עֵינֵי ה' אֱלֹקֶיךָ וְכוּ'. בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה נִדּוֹן מַה יְּהֵא בְּסוֹפָהּ.

וואס ווילן אויסטראכטן דעם בנין זענען אנדערע סארט מענטשן אינגאנצן, זיי דארפן גוט אויסטראכטן דעם בנין.

אזוי איז דער ר"ה: ר"ה בויעט זיך אויס דעם בנין, ס'בויעט זיך אויס דער בנין פון א גאנץ יאר, ס'ווערט אויסגעטראכט דער בנין אויף א גאנץ יאר.

## וואס דארף זיין די מחשבות ר"ה?

יעצט, ווי טראכט מען אויס? - מ'געבט אונז אז מיט אונזערע קעפ זאלן מיר האבן א שייכות מיטן אויסטראכטן דעם בנין – אבער מיר קענען אויסטראכטן? מיר טראכטן אויס? ווי אזוי קענען מיר אויסטראכטן דעם יאר?!

(אבער) ס'ליגט דאך אין אונזערע הענט - אזוי שטייט, דער רבי זאגט[טו]: **"בראש השנה צריכין להיות חכם שיחשוב רק מחשבות טובות שייטיב השם יתברך עמנו וכו'"** - א מענטש דארף זיין ר"ה א חכם צו טראכטן גוטע מחשבות. א מענטש דארף טראכטן ר"ה אז ס'גייט זיין גוט, ס'גייט זיין א גוטע יאר. א מענטש דארף טראכטן ר"ה אז ס'גייט זיין א גוטע יאר!

אבער וואס הייסט א גוטע יאר? - קיינער ווייסט נישט וואס הייסט א גוטע יאר. פרעג א מענטש ווי אזוי ווילסטו דיין יאר זאל אויסקוקן, וואס דארף פונקט זיין - [וועט ער דיר זאגן:] ער זאל האבן אסאך געלד, מיט אסאך באקוועמליכקייטן, מיט אלעס די בעסטע..

אבער ווער זאגט אז דאס איז גוט פאר דיר[טז]? אפשר אז דו וועסט האבן אסאך געלט וועסטו בריקעןנ!? אסאך מענטשן זאגן אז ווען זיי וואלטן געהאט געלד - ווען זיי וואלטן געהאט אלעס וואס זיי ווילן - וואלט געוועןנ...

---

**טו.** שיחות הר"ן כ"א.

**טז.** ראה ליקו"ה מילה ה, ד.

אבער זעסט דאך אז דער אויבערשטער פירט נישט אזוי, דער אויבערשטער פירט נישט די וועלט אז אלעמען זאל זיין באקוועם און גוט. דער אויבערשטער פירט דעם יאר, און יעדער איינער במשך דעם יאר טוט זיך מיט אים עפעס זאכן.

איז דער פשט איז אז דער אויבערשטער פארשטייט אז פארן מענטשן דארף זיין עפעס א געוויסע.. (- צמצום) - אין יעדע זאך דארף זיין א מאס, דאס דארף זיין אזוי, דאס דארף זיין אזוי. דער אויבערשטער האט א "השגחה", א 'אויסקוק' מיט דעם מענטש - ווי דער יאר זיינער דארף אויסקוקן.

איז פון וואנעט ווייסט א מענטש בכלל וואס צו טראכטן, ווי אזוי דער יאר זיינער דארף אויסקוקן?! זאגסט א מענטש אז ער זאל טראכטן אז ס'גייט זיין גוט - וואס גייט זיין גוט? ווי אזוי גייט זיין גוט?! - ער האט בכלל נישט קיין וועג ווי אזוי צו טראכטן.

איז באמת, נאר דער צדיק ער האט דעם מח, ער האט דעם מח וואס דער רבי זאגט אז דער אויבערשטער האט אים געגעבן א מתנה ר"ה. דער צדיק זיצט - אזוי שטייט אז דער צדיק איז "**מְאַחֵז פְּנֵי כִסֵּא**[יז]". דער צדיק זיצט אויפן כסא[יח], אזוי ווי ס'שטייט ביי שלמה המלך "**וַיֵּשֶׁב שְׁלֹמֹה עַל כִּסֵּא ה'**[יט]".

דער צדיק אליין האט א גרויסן שייכות מיטן גאנצן ר"ה; ער האט די מחשבות וואס צו טראכטן פאר אלעמען, אויסטראכטן דעם יאר. און אז מיר קומען צום צדיק דארפן מיר אוועקלייגן דעם מח.

---

**יז.** איוב כו, ט. ראה בליקו"מ תורה א' תנינא שהצדיק מאחז פני כסא ועי"ז יכול לעשות ר"ה, כי יודע מקומו של כל אחד ועי"ז יכול לדון כולם לכף זכות וכו'. וראה בליקו"ה ערלה ד, ו. (וראה גם בליקו"ה נזיקין ה, י"ז.).

**יח.** ראה בליקו"מ תורה ו' (אות ה) מענין האדם היושב על הכסא וכו'. [וראה בחיי"מ ב' כל המעשה וכו'. ולהבין ענין"ז עיי"ש בפל"ח על תורה ו' אותיות ד', יג, טו. ובליקו"ה ברכת הפירות ה, י"ח].

**יט.** דברי הימים א' כט, כג. וראה שם ברש"י. (ועיין ליקו"מ תורה ל אות ד' ובפל"ח על תורה ו' אותיות ה, ז).

וואס הייסט אוועקלייגן דעם מח? אז א מענטש קומטביים צדיק און ער ווייסט: איך ווייס גארנישט! איך ווייס גארנישט, אבער איך קום צום צדיק - און דער צדיק, ער ווייסט וואס איך דארף, ער ווייסט וואס הייסט פאר מיר א גוט יאר, ער ווייסט וואספארא גוט יאר איך דארף האבן. ער פארעט זיך מיט מיר און ער זאגט מיר נאר איין זאך: **זיי זיך מצרף מיט מיר!**

דער רבי וויל מ'זאל זיך מצרף זיין צו אים און בעטן אז מ'זאל זוכה זיין צו זיין "**נכתב ונחתם בספרן של צדיקים**". מ'זאל זוכה זיין צו זיין פארשריבן ביים צדיק'ס ספר, צווישן די צדיקים[כ].

[אבער] איך זאל וויסן וואס איך דארף פונקט טאן?! - איך ווייס דאך נישט וואס איך דארף פונקט האבן, וויפל געלד איך דארף האבן און וויפל אנדערע זאכן.. איך ווייס נישט. **איך דארף איין זאך: איך זאל זיין נכתב ונחתם 'בספרן של צדיקים', איך זאל זיין אין פעקל פון צדיק.** דאס איז מיין 'גוט יאר'; מיין גוט יאר איז אז איך זאל זיין נכתב ונחתם אין דעם פעקל פון צדיק[כא]. דאס הייסט טראכטן גוטע מחשבות!

טראכטן גוטע מחשבות הייסט איין זאך: אז איך זאל א גאנצע צייט האבן א רצון אז מיין יאר זאל זיין - אז איך זאל זיין מער אין רבינ'ס פעקל; איך זאל זיין מער פון רבינ'ס מענטשן, מער ווי אזוי דער רבי וויל, מער מיטן רבינ'ס גאנג, און מער מיטן רבינ'ס תיקונים וואס דער רבי פירט מיט מיר. דאס דארף זיין מיינע רצונות!

ווער ס'וויל טראכטן גוטע מחשבות אויף ר"ה דארף איין זאך טראכטן: **מחשבות פון 'ביטול'** (צו די מלוכה פון אויבערשטן און זיינע צדיקים).

טאמער ער האט אנגעהויבן טראכטן 'איך וויל זאל זיין אזוי, איך וויל זאל זיין אזוי..' - ר"ה פארעט מען זיך נישט מיט די אלע זאכן. ר"ה איז איין זאך,

---

**כ.** ראה בליקו"ה שבת ז, ט. ובליקו"ה נזיקין ה, יז. ובעל"ת מכתב קל"ז.

**כא.** ראה שיש"ק חלק ג' קכ"ד.

ר"ה איז א טאג פון ביטול; מען איז ממליך דעם אויבערשטן, מיר ווילן די מלוכה פון אויבערשטן, און מיר ווילן די מלוכה פון די צדיקים, פון מלכות בית דוד - וואס דאס איז אלץ נכלל אין וואס מען בעט אז ס'זאל זיין די הנהגה פון די צדיקים, אז די צדיקים זאלן פירן די וועלט. דאס איז אונזערע מחשבות!

די ריינקייט פון די מחשבות פון ר"ה איז דער ביטול צום צדיק. דאס איז די ריינקייט פון די מחשבות. די רצונות, די שאיפות, די השתוקקות וואס מ'דארף האבן ר"ה - וואס מ'רופט עס מיט אלע סארטן לשונות, וואס ס'רופט זיך ממליך זיין דעם אויבערשטן.

און ממליך זיין דעם אויבערשטן הייסט: וואס מער, מיר בפרטיות און די גאנצע בריאה, זאלן זוכה זיין "**ויעשו כולם אגודה אחת**[כב]"; אלע זאלן זיין נאנט צו די צדיקים, זיך מקרב זיין צו די צדיקים, צו די צדיקי אמת - און זיי זאלן פירן די וועלט, אלעס זאל נאכגיין די צדיקים (וואס זיי זענען עוסק אין מגלה זיין מלכות ה').

דאס איז די ריינקייט פון די מחשבה ר"ה: בענקען די וועלט זאל נכלל ווערן אין דעם צדיק, און יעדער איינער פון אונז, יעדער איינער פאר זיך

---

**כב.** ראה ליקו"ה גרים ג, ה: **בִּשְׁבִיל זֶה נוֹסְעִין עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְצַדִּיקִים** וכו'. כִּי כָּל מִי שֶׁרוֹצֶה לְהִתְקָרֵב לַה' יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת, **וּבְוַדַּאי אִי אֶפְשָׁר לְהִתְקָרֵב בֶּאֱמֶת לַה' יִתְבָּרַךְ כִּי אִם עַל-יְדֵי הַצַּדִּיק הַדּוֹר הָאֲמִתִּי** וְאֵין הַצַּדִּיק יָכוֹל לְקָרְבוֹ כִּי אִם עַל-יְדֵי בְּחִינַת מִשְׁפָּט כַּנַּ"ל {עיי"ש}. וְעַל-כֵּן נוֹסְעִין עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַּיְקָא, כִּי רֹאשׁ הַשָּׁנָה וכו' הוּא יוֹם רִאשׁוֹן שֶׁל עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה וְאָז נוֹסְעִין לְצַדִּיקִים לְהִתְקָרֵב לַה' יִתְבָּרַךְ וכו'. **וְעַל-כֵּן אָז הִיא עִקַּר זְמַן הִתְקָרְבוּת לַה' יִתְבָּרַךְ עַל-יְדֵי צַדִּיקֵי הַדּוֹר הָאֲמִתִּיִּים, כִּי כָּל עֲבוֹדָתֵנוּ בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה לְגַלּוֹת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ לְכָל בָּאֵי עוֹלָם עַד שֶׁיִּשְׁמְעוּ רְחוֹקִים וְיָבֹאוּ וְיִתְגַּיְּרוּ כֻּלָּם וְיִתְקָרְבוּ לַה' יִתְבָּרַךְ** כְּמוֹ שֶׁאָנוּ אוֹמְרִים בְּכָל הַתְּפִלּוֹת בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה וְיוֹם הַכִּפּוּרִים, וּבְכֵן תֵּן פַּחְדְּךָ ה' אֱלֹקֵינוּ עַל כָּל מַעֲשֶׂיךָ וְאֵימָתְךָ עַל כָּל מַה שֶּׁבָּרָאתָ וְכוּ' וְיֵעָשׂוּ כֻלָּם אֲגֻדָּה אַחַת לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ וְכוּ'. וְתִמְלֹךְ אַתָּה ה' לְבַדֶּךָ עַל כָּל מַעֲשֶׂיךָ וְכוּ' וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְעַלְתּוֹ וְיָבִין כָּל יָצוּר כִּי אַתָּה יְצַרְתּוֹ. וְיֹאמַר כָּל אֲשֶׁר נְשָׁמָה בְּאַפּוֹ וְכוּ' וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה בְּכָל הַתְּפִלּוֹת וְיֶאֱתָיוּ כֹּל לְעָבְדֶךָ וְכוּ'.

אליין! **וואס הייסט א גוטער יאר? - איך בעט איך זאל זוכה זיין צו מער נכלל ווערן אין צדיק!**

דאס הייסט מ'קומט צום צדיק מיטן קאפ. מ'קומט, וואס איז מיין השתוקקות ר"ה? איך זאל זוכה זיין צו נכלל ווערן מער אין צדיק!

דאס הייסט אז ס'איז זיך מקבץ, מ'איז זיך מקבץ צום צדיק - נישט מ'איז זיך מקבץ נאר די גופות, מ'איז מקבץ די 'ראשים' צום צדיק, מ'איז מקבץ די מוחות צום צדיק. מיר ווילן אלע איין זאך, "**וְיֵעָשׂוּ כֻלָּם אֲגֻדָּה אַחַת**" - אלע צוזאמען, "**וּבְכֵן צַדִּיקִים יִרְאוּ וְיִשְׂמָחוּ**", אלע זאלן זיך דרייען ארום די צדיקים..

דאס איז וואס מיר בעטן! דאס איז מלכות בית דוד, "**וישב שלמה על כסא ה'**", דאס איז ווען משיח וועט זיין, דעמאלט וועט זיין די שלימות פון דעם.

דאס איז די רצונות וואס מיר דארפן האבן ר"ה, דאס הייסט ריינע מחשבות פון ר"ה.

## די הכנה צו ר"ה

ס'שטייט אין "**משנה ברורה**[כג]" אז פארוואס זאגט מען "סליחות" פיר טעג פאר ר"ה, פארוואס דארף מען זאגן סליחות פיר טעג פאר ר"ה?

שטייט שוין פון די פריערדיגע[כד] אז אלע ימים טובים שטייט "**וְהִקְרַבְתֶּם עֹלָה**" אז מען דארף מקריב זיין א עולה, און ביי ר"ה שטייט "**וַעֲשִׂיתֶם עֹלָה**".

**כג.** או"ח סימן תקפ"א ס"ק ה: ועוד טעם שקבעו ד' ימים שכן מצינו בקרבנות שטעונים ביקור ממום ד' ימים קודם הקרבה, ובכל הקרבנות בפ' פנחס כתיב והקרבתם עולה ובר"ה כתיב ועשיתם עולה ללמד שבר"ה יעשה אדם עצמו כאלו מקריב את עצמו, ולכן קבעו ד' ימים לבקר כל מומי חטאתו ולשוב עליהם.

**כד.** של"ה.

[פשט איז:] 'ועשיתם עולה' הייסט אז מ'זאל זיך אליין מאכן פאר א עולה. ר"ה דארף א מענטש זיך מקריב זיין פארן אויבערשטן.

דער דאווענען פון ר"ה איז אז א מענטש איז זיך אליין מקריב פארן אויבערשטן אזוי ווי א עולה, א 'כָּלִיל' פארן אויבערשטן. דאס איז ר"ה, ר"ה איז א טאג וואס מ'געבט זיך אינגאנצן אוועק פארן אויבערשטן.

איז וויבאלד א קרבן דארף האבן א ביקור פון מומים, מומים איז דאך פוסל א קרבן - דארף מען איבערקוקן די מומים פאר דעם. דערפאר האט מען אונז געמאכט די פיר טעג פון סליחות. לכל הפחות איז פיר טעג פון סליחות, אז מ'זאל תשובה טאן פון פאר דעם כדי מ'זאל זיין ריין.

דאס הייסט, אז כדי ר"ה זאל דער מח זיין ריין, מען זאל קענען טראכטן די הייליגע מחשבות וואס מיר האבן פריער געזאגט אז דאס איז א בחינה פון א "עולה" וואס מ'געבט זיך אינגאנצן איבער פארן אויבערשטן - דערפאר דארף מען שוין תשובה טאן פאר ר"ה!

ר"ה דארף מען שוין קומען ס'זאל זיין א תשובה וואס רופט זיך "**תשובה עילאה**". ר"ה דארף מען זיך שוין אינגאנצן איבערגעבן פארן אויבערשטן. אבער זיך פארען מיטן ווידוי - ר"ה זאגט מען נישט קיין ווידוי - די אלע זאכן דארף מען שוין מאכן פאר ר"ה.

דערפאר זאגט מען סליחות; מ'דארף וויינען, א גאנץ חודש אלול דארף מען שוין תשובה טאן און זיך רייניגן - כדי אז ר"ה זאל מען האבן ריינע מחשבות, זיך איבערגעבן פארן אויבערשטן. דאס איז די הכנה אויף ר"ה!

דער רבי האט געזאגט [כה]: "**אנדערע וואלטן זיך געוואונטשן א ראש השנה, אזוי ווי ביי אונז ערב ר"ה**". דער רבי האט געוואלט מ'זאל שוין קומען צו אים פאר ר"ה. ביים רבי'ן קומט מען שוין פון 'זכור ברית'.

**כה.** חיי מוהר"ן ש"ה

ר' נתן האט[כו] זייער מקפיד געווען אויף די 'טעפליקער חסידים' - טעפליק איז געווען א שטאט וואס ס'איז געווען נאנט צו אומן, די טעפליקער האבן זיך פארגונען; ער וואוינט דאך נישט אזוי ווייט, זענען זיי געקומען בייטאג - אנשטאט צו קומען פון די נאכט פון 'זכור ברית'. ר' נתן האט זיי גערופן: טעפליקער בעלי בתים, בעל הבית'שע סארט מעשיות, פוילע מעשיות ווי מען זאגט..

א בעל הבית'ישער צוגאנג צום ר"ה; מ'קומט אויף **ר"ה** צום רבי'ן - דאס הייסט בעל הבית'יש פארשטאנען. צום רבי'ן דארף מען קומען פריערט, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט "אנדערע וואלטן זיך געוואונטשן א ר"ה אזוי ווי ביי אונז ערב ר"ה".

יעדער איינער ווייסט, מ'איז שוין געווען דא (אין אומן), דער עולם ווייסט אז מ'קומט ביים רבי'ן שוין ערב ר"ה; דער ערב ר"ה, די סליחות, און ער"ה ביים ציון. און ב"ה א טאג צוויי פריער ברענט שוין דער ציון ווי א קעסל[כז].. מ'קומט, מ'קומט תשובה טאן! מ'דערמאנט זיך נישט די לעצטע רגע,

---

**כו.** ראה שיש"ק הישן ב, תשי"ד: מוֹהַרְנַ"תְּ הָיָה מְכַנֶּה אֶת אַנַ"שׁ מִטֶּעפְּלִיק "**טֶעפְּלִיקֶער בַּעֲלֵי בָּתִּים**", אַף-עַל-פִּי שֶׁהָיוּ עוֹבְדֵי ה' מֻפְלָגִים. פַּעַם, כְּשֶׁחָל רֹאשׁ-הַשָּׁנָה לִהְיוֹת בְּלֵיל יוֹם שֵׁנִי, יָצְאוּ אַנְשֵׁי טֶעפְּלִיק מֵעִירָם לִנְסֹעַ לְאוּמַאן בְּמוֹצָאֵי שַׁבַּת-קֹדֶשׁ, וְאֶת הַסְּלִיחוֹת שֶׁל עֶרֶב רֹאשׁ-הַשָּׁנָה הַנִּקְרָאִים "זְכוֹר בְּרִית" אָמְרוּ יַחְדָּו בִּכְפָר "פַּאלַאנְקֶע" הַקָּרוֹב לְאוּמַאן, וְרוֹב אַנַ"שׁ מִשְּׁאָר הָעֲיָרוֹת הִקְדִּימוּ לָבוֹא כְּבָר עַל שַׁבָּת, בִּכְדֵי שֶׁיּוּכְלוּ לוֹמַר גַּם אֶת הַסְּלִיחוֹת בְּאוּמַאן. וּכְשֶׁהִגִּיעוּ אַנַ"שׁ מִטֶּעפְּלִיק לְאוּמַאן, גָּעַר בָּהֶם מוֹהַרְנַ"תְּ וְאָמַר לָהֶם: "אִם כָּךְ אַתֶּם נוֹהֲגִים לָבוֹא לְרֹאשׁ-הַשָּׁנָה, טוֹב יוֹתֵר בִּכְלָל לֹא לָבוֹא"! - "**אֵיידֶער אַזַא רֹאשׁ-הַשָּׁנָה אִיז בֶּעסֶער אִין גַּאנְצְן נִישְׁט**"! (וראה שיש"ק החדש חלק א' ר"ל ובהערות שם).

**כז.** ראה טעם זקנים קונטרס פ"ב עמ' 28 (מנהמת ליבו של רלוי"צ בנדר ז"ל בזמן ששערי ציון היו נעולים והלב כסף למעיין): ..אוי, מיר דערמאנען זיך - עס איז געווען אמאל א אומאן, עס איז געווען אמאל א ציון, עס איז געווען אמאל אן ערב ראש השנה, א ראש השנה - אוי אוי אוי! וואס דעמאלט האט זיך אפגעטאן... ממש - אזוי ווי דא איז דאך ל"ג בעומר - זעהט מען דאך וואס טוט זיך אפ ל"ג בעומר דא - די געשרייען פון אידן מיט די קולות, אזוי איז דעמאלט געווען א ראש השנה, אַן ערב ראש השנה!

מ'קומט זיך אויסקאכן, זיך אויסשרייען פון פריערט אפאר טעג, מ'קומט זיך אנגרייטן..

און צו דערצו, דעם יאר האבן מיר א מתנה און ס'איז נאך דא א שבת פארדעם, א "**שבת ששובתין אצל הצדיק**[כח]" וואס דער רבי זאגט אז ס'איז אזוי ווי פאסטן זיבן מאל משבת לשבת.

שטעלט זיך פאר: איינער האט געוואלט תשובה טאן, ער גייט אריין צו עפעס א צדיק, און ער זאגט אים 'הער זיך איין, פאר דיין פעקל דארפסטו פאסטן לפחות איין מאל משבת לשבת..' - [און יענער טראכט:] איין טאג קען איך נישט פאסטן – איז וואס, משבת לשבת זאל איך פאסטן?! - און ווער רעדט שוין פון 'זיבן מאל' משבת לשבת?! קומט מען צום רבי'ן אויף א שבת זאגט דער רבי: ביי מיר זיין אויף שבת ס'איז אזוי ווי זיבן מאל פאסטן משבת לשבת - אזא כח האט עס די שבת ביים צדיק.

מ'געבט אונז א מתנה מ'קומט שוין א שבת פון פריער, מ'קומט שוין פון פאר דעם, פון דאנערשטיג - מ'האט שוין דעם פרייטיג, מיטן שבת.

מ'האט נאך א הכנה, נאך פאר דעם 'זכור ברית'. און נאכדעם דער זכור ברית מיטן ער"ה ביים צדיק - מ'קען זיך גוט וואשן און שווענקען

---

**די קולות, די געשרייען, די הארציגע קולות פון אידן וואס זיי האבן געוואלט טאן תשובה איז געווען נאך מערער ווי דא! אזעלכע כיסופים, אזעלכע בענקאכטצער צום אויבערשטן - אז עס איז א געוואלד, א געוואלד, א געוואלד!**

..מען האט ממש געזעהן עפעס א נישט קיין מענטשליכע זאך, עפעס א כח פון אויבן, עפעס א מין אויסוואשן דעם מענטשן - אזוי ווי ער גייט אריין אין א מרחץ און ער וואשט זיך אויס די אברים הפנימיים - **אזוי האט מען געזעהן ביים רבי'ן אויפן ציון - 'עס קאכט זיך איבער און עס קאכט זיך איבער', ער שרייט 'געוואלד, געוואלד' און עס קאכט זיך און קאכט זיך.. און ער גייט ארויס ממש אזוי ווי איינער, גייט ארויס א ריינער!** (וראה גם בקונטרס כ"א עמ' 21, ובקונטרס ק"ל עמ' י"ג, ועוד).

**כח.** ראה חיי"מ רצ"ז: אָמַר לְאֶחָד, הַשַּׁבָּתִים שֶׁשּׁוֹבְתִים אֶצְלִי הֵם גְּדוֹלִים וְטוֹבִים יוֹתֵר מִשִּׁבְעָה פְּעָמִים תַּעֲנִית מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת. (וראה גם ליקו"מ תורה קס"ז וביקרא דשבתא על תורה י').

פארדעם ביז מ'גייט אריין צום ר"ה. זיך גוט וואשן און שווענקען פון אלע עבירות, אלץ וואס מ'דארף זיך אויסוויינען, זיך אויסבעטן. ס'איז דא גענוג צייט..

## ווי איז מען ממליך דעם אויבערשטן?

דאס דארף זיין אלץ א הכנה און א הקדמה פאר ר"ה. אבער ווען ס'קומט ר"ה דארף מען וויסן דאס איז דער "**יום המלוכה**", "**יום ההמלכה**". ר' נתן האט געזאגט[כט]: **די גאנצע וועלט זאגט 'המלך', אבער די "קְרֵיינִיצֶע" [דער קרוינען דעם מלך] דאס איז אין אומן**. אין אומן דארטן קרוינט מען, דארטן קרוינט מען דעם מלך!

דאס הייסט קרוינען - דעם מלך קען מען נישט קרוינען נאר ביים צדיק, דאס הייסט געקרוינט דעם מלך. א מענטש זאגט ער איז "ממליך" - וואס הייסט ער איז ממליך? ממליך זיין הייסט, אז איך נעם אויף זיך דעם רבי'ן, דאס הייסט ממליך זיין.

א מענטש זאגט: ער איז ממליך דעם אויבערשטן! - דו קענסט דעם אויבערשטן פון ערגעץ, וואס ביזסטו ממליך?! ממליך דעם אויבערשטן!?.. - ס'איז "אחד בפה ואחד בלב"; אז א מענטש זאגט ער איז 'ממליך' דעם אויבערשטן און מארגן קוקט ער אויס ווי ער קוקט אויס.. - אבער אז א מענטש איז זיך מחבר צו א צדיק, איז דאס עפעס א אנדער מעשה אינגאנצן, דער צדיק פירט די זאך!

ס'איז אזוי ווי א מענטש וויל פירן א מלחמה. א מענטש וויל גיין פירן א מלחמה, ער האט געהערט אז יענע מדינה זענען שונאים פון זיין מדינה, האט

---

**כט.** ראה שיש"ק הישן ג, קס"ח: כְּשֶׁהִפְלִיג פַּעַם מוֹהַרְנַ"תְ מִגֹּדֶל מַעֲלַת קִבּוּץ אַנַ"שׁ בְּרֹאשׁ-הַשָּׁנָה בְּאוּמַאן, עָנָה וְאָמַר: כָּל הָעוֹלָם צוֹעֵק בְּרֹאשׁ-הַשָּׁנָה "הַמֶּלֶךְ", אוּלָם הַהַכְתָּרָה הִיא בְּאוּמַאן". **"דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁרַייט "הַמֶּלֶךְ" אָבֶּער דִּי קְרֵיינִיצֶע אִיז אִין אוּמַאן"**.

ער מחליט געווען ער נעמט א ביקס און ער לויפט שיסן, ער הויבט אן שיסן.. - ווי וועסטו שיסן? וואס וועסטו שיסן?!

ווילסט שיסן? שטעל זיך צו! - ס'איז דא א גענעראל וואס ער פירט די מלחמה, וועסטו זיך צושטעלן צו אים, ער וועט דיר אוועקשטעלן: דו שטיי דא, דו שטיי דארטן.. יעצט וועסטו ווארטן, יעצט באהאלט מען זיך, יעצט שיסט מען אין דעם ווינקל, יעצט שיסט מען אין יענעם ווינקל.. - ער וועט דיר לערנען שיסן! אזוי פירט מען א מלחמה. א מענטש שטעלט זיך אליין שיסן, וואס? דו פירסט מלחמות?!..

ווילסט ממליך זיין דעם אויבערשטן? - ס'איז דא א המלכה; דו וועסט קומען ביים פלאץ וואס דארט איז מען ממליך דעם אויבערשטן. ס'איז דא א רבי, ס'איז דא חסידים, מ'קומט זיך צוזאמען, מ'איז ממליך דעם אויבערשטן.

ס'איז דא א מהלך אין דעם גאנצן ענין. נישט אין איין רגע פארשטייסטו אין 'גינוני מלכות', נישט אין איין רגע פארשטייסטו ווי אזוי מען איז ממליך, דו פארשטייסט בכלל נישט פון וואס ס'רעדט זיך דא.. - א חכמה צו זאגן "המלך" און 'בד בבד' טאן זאכן וואס איז היפך הגמור פון דעם!?

## "ב'שמך י'גילון כ'ל ה'יום"

איינער האט מיר אמאל געזאגט: איך בין דיר מקנא! - א ליטוויק א חבר מיינער פון דא אין מאה שערים: **איך בין דיר מקנא, דו פארסט אין אומן אויף ר"ה, הויבסט זיך אויף פון אלעס..** איך ער"ה דריי זיך ארום, איך קויף ציבאלאך דא ביי נחום פצצ'ו און ר"ה גיי איך אהיים, איך עפן דעם טעפל; ס'האט זיך יא געקאכט גוט, ס'האט זיך נישט געקאכט גוט, איך רעג זיך אויף.. דאס איז מיין גאנצע קאפ, מיין גאנצע קאפ איז פארנומען מיט.. - איר פארט אוועק, איר האט עפעס א אנדער סארט ר"ה; איך בין דיר מקנא!

דאס איז שוין אפילו וואס א ליטוויק קען פארשטיין.. - כל שכן, אז מ'גייט אריין אין די פנימיות פון די זאך. מ'גייט אריין אין די פנימיות פון די זאך, מען פארשטייט אז ר"ה איז דער קאפ פון דעם יאר, מ'ווערט א אנדער סארט מענטש. דאס איז דער קאפ פון דעם יאר, דער יאר באקומט א קאפ. אז ס'איז דא א קאפ - איז דא א גאנץ יאר!

דער רבי זאגט: **"מי שהיה אצלי על ר"ה ראוי לו לשמוח כל השנה"**. וואס הייסט אז ווער ס'איז געווען ביים רבי'ן ר"ה 'ראוי לו לשמוח כל השנה'? - יעדער זאך וואס א מענטש מאכט עפעס א גוטע זאך איז 'ראוי לשמוח' שטענדיג. וואס איז די הדגשה 'מי שהיה אצלי על ר"ה ראוי לשמוח כל השנה' - עפעס א עקסטערע זאך, אז ווייל מ'איז געווען ר"ה דארף מען זיך פרייען א גאנץ יאר?!

נאר פשט איז: דער ר"ה איז נישט נאך עפעס א זאך, דער ר"ה איז; ווייל דו ביזסט געווען ביים רבי'ן ר"ה - **איז דער גאנצער יאר א ראש השנה'דיגער יאר!!** דערפאר דארפסטו זיין מוראדי'ג פריילאך!

און דער ר"ה אליין - דער רבי זאגט[ל]: **ר"ה דארף מען זיין פריילאך!** דער עיקר וואס מ'דארף זיין ר"ה, דארף מען זיין פריילאך!

אפילו דער וויינען ר"ה - זאגט[לא] דער רבי - אז מ'זאגט "בשמך יגילון כל היום" - אזוי זאגט מען ר"ה [מיטן ניגון] "בשמך" -- יא בשמך יגילון כל היום;

---

**ל.** שיחות הר"ן כ"א: **בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה צְרִיכִין לִהְיוֹת חָכָם שֶׁיַּחֲשֹׁב רַק מַחֲשָׁבוֹת טוֹבוֹת שֶׁיֵּיטִיב הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עִמָּנוּ וְכוּ'. וּצְרִיכִין לִהְיוֹת שָׂמֵחַ בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה**. גַּם צְרִיכִין לִבְכּוֹת בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה.

**לא.** ליקו"מ תורה קע"ה: עִקַּר מַעֲלַת הַבְּכִיָּה הוּא כְּשֶׁהִיא מֵחֲמַת שִׂמְחָה וְחֶדְוָה. וַאֲפִלּוּ הַחֲרָטָה טוֹב מְאֹד שֶׁתִּהְיֶה מֵחֲמַת שִׂמְחָה שֶׁמֵּרֹב שִׂמְחָתוֹ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא מִתְחָרֵט וּמִתְגַּעְגֵּעַ מְאֹד עַל שֶׁמָּרַד נֶגְדּוֹ בַּיָּמִים הָרִאשׁוֹנִים וּמִתְעוֹרֵר לוֹ בְּכִיָּה מֵחֲמַת רב הַשִּׂמְחָה, וְזֶה עִקַּר מַעֲלַת הַבְּכִיָּה, שֶׁתִּהְיֶה מֵחֲמַת שִׂמְחָה. וְזֶה בְּכִיָּה הוּא רָאשֵׁי תֵּבוֹת **בְּ'שִׁמְךָ יְ'גִילוּן כָּ'ל הַ'יּוֹם** (תְּהִלִּים פ"ט), שֶׁעִקַּר הַבְּכִיָּה שֶׁתִּהְיֶה מֵחֲמַת שִׂמְחָה בִּשְׁמוֹ יִתְבָּרַךְ וכו' עיי"ש. (וראה גם בחיי"מ י"ג. וראה בליקו"ה שבת ה, טו.)

וראה בטעם זקנים קונטרס צ"ג (עמ' 44): "עיקר מעלת הבכיה כשהוא מתוך שמחה". "בשמך יגילון כל היום" איז ר"ת "בכיה"; **עס איז פארהאן עפעס אזא מין עבודה, וואס דער מענטש**

א גאנצן טאג פריי זיך מיטן אויבערשטן.. זאגט דער רבי: "**בשמך יגילון כל היום איז ר"ת בכיה**" - ווייל מען פרייד זיך מיטן אויבערשטן, פון רוב שמחה עפנט זיך אויף די הארץ צו וויינען.

די בכיה דארף קומען פון שמחה. אזוי ווי מיר האבן געזאגט פריער: ר"ה איז נישט קיין טאג וואס מ'וויינט אויף פרטי'שע זאכן. ר"ה איז בכלל נישט א צייט וואס מ'וויינט אויף פרטי'שע זאכן.

די אלע פרטי'שע זאכן וואס א מענטש וויינט איז פארמישט מיט אסאך עצבות; 'ער וויל אזוי, ער וויל אזוי'.. א מענטש וויינט, ער וויינט פארוואס ס'גייט נישט ווי ער וויל.. - ווער זאגט אז ס'איז בכלל גוט ווי דו ווילסט?! דאס איז עצבות - ער קען נישט ליידן אזוי, ער קען נישט ליידן אזוי, וויינט ער!

[אבער] דאס איז נישט די ריכטיגע בכיה, דאס רופט זיך "**בכיה פון עשו'ן**"לב. א בכיה אמיתית הייסט אז ס'קומט פון שמחה, א בכיה אמיתית הייסט אז איך פריי זיך מיטן אויבערשטן, דעמאלט'ס ווין איך. וואס ווין איך? - איך ווין צו ווערן מקורב צום אויבערשטן..

דאס איז די בכיה וואס דער **אריז"ל** זאגטלג אז ווער ס'וויינט נישט ר"ה א סימן אז ער האט נישט קיין ריינע נשמה. און דער אריז"ל זאגט אז בשעת א מענטש צו וויינט זיך ר"ה, איז א סימן אז מ'איז אים דן יעצט אויבן אין

---

**'מחמת גודל השמחה' גייט אים ארויס טרערן. מען זעהט אמאל א ברודער, א טאטן, מען האט אים נישט געזעהן לאנג - 'מגודל השמחה' גייט טרערן..**

**לב.** ראה ליקו"ה הל' יו"ט ה, י"ג. הל' ערב ג' (כ, כז, כח). הל' שלוחין ג' (טז -יח).

**לג.** שער הכוונות דף צ: גם היה נוהג מורי ז"ל לבכות הרבה בתפלת ר"ה אפילו שהוא יו"ט ומכ"ש בתפילת יוה"כ. והיה אומר מוז"ל כי מי שאין בכי' נופלת עליו בימים האלו הוא הוראה שאין נשמתו הגונה ושלימה. [..] ואמר כי האדם הנופלת עליו בכיה רבה מאליו בימים האלו בתפי' הוא הוראה שנידון באותה שעה למעל' אם ביום א' ואם ביום שני. (והובאו דבריו בבאר היטב (סי' תקפ"ד ג) בשינוי לשון קצת, עיי"ש. וראה במעשה רב סימן ר"ז ושם בהוספות, ובכף החיים תקפ"ב, ט, ובכתר שם טוב ח"ב דף י"א המובא לעיל בהערות).

הימל; זיין נשמה שפירט - ס'איז א אנדער סארט וויינען אינגאנצן. דאס איז א געוויין וואס קומט פון שמחה, ס'קומט פון די נשמה..

וואס מער מ'איז פריילאך ר"ה קען מען מער וויינען ר"ה - אזוי זאגט דער רבי[לד]: "**וצריכין להיות שמח בראש השנה, גם צריכין לבכות בראש השנה**". ביידע; מ'דארף אסאך וויינען[לה] און אסאך זיך פרייען.. - אז מ'פריידט זיך אסאך ר"ה קען מען אסאך וויינען ר"ה. דער וויינען קומט פון די שמחה, וואס מער מ'איז פריילאך קען מען מער וויינען.

ממילא, אז דער גאנצער ר"ה איז שמחה. איז אז מ'איז מקבל די קדושה פון ר"ה איז מען מקבל 'שמחה' - איז דערפאר א גאנץ יאר אויך "**ומי שהיה אצלי על ר"ה ראוי לשמוח כל השנה**" - מיט דעם וואס מען פריידט זיך א גאנץ יאר מיטן ר"ה, מיט דעם איז מען מקבל די קדושה פון ר"ה א גאנץ יאר.

---

**לד.** שיהר"ן כ"א.

**לה.** ראה ליקוטי עצות ראש השנה, יא: **בַּיָּמִים הַנּוֹרָאִים צְרִיכִים לִבְכּוֹת הַרְבֵּה**, וְהָעִקָּר הוּא לִהְיוֹת בִּבְחִינַת נַעַר בּוֹכֶה, שֶׁיְּסַלֵּק כָּל חָכְמָתוֹ וְשִׂכְלוֹ וְיִבְכֶּה לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל נִגְעֵי לְבָבוֹ וּמַכְאוֹבָיו שֶׁיּוֹדֵעַ בְּנַפְשׁוֹ, כְּמוֹ תִּינוֹק הַבּוֹכֶה לִפְנֵי אָבִיו, וְעַל־יְדֵי זֶה זוֹכִין לְאֶתְרוֹג נָאֶה, וְכָל מַה שֶּׁנִּמְשָׁךְ יוֹתֵר לִבְחִינַת נַעַר בּוֹכֶה, זוֹכֶה לְאֶתְרוֹג נָאֶה בְּיוֹתֵר (עפ"י שיהר"ן פז. וראה בליקו"ה הל' יוה"כ ה, ג דיבורים נפלאים על עני"ז).

וראה בטעם זקנים קונטרס כ' (עמ' 6): אין אומאן איז געווען אמאל איינער,ער איז געקומען דאווענען צו אונז,ער האט געשטאמט פון ברסלב'ער חסידים, אבער ער האט זיך ארייגעכאפט אין השכלה, ער פלעגט קומען, ער האט געדאווענט ביי אונז. געדענק איך אז מען האט געזאגט, אז ער איז אדורך געגאנגען דורך אונזער שול ראש השנה אינדערפרי, און ער איז אריין געגאנגען אין שול אריין, האט דער עולם געהאלטן ביי '**לא-ל עורך דין**', האט ער געזאגט: "**וואס זאל איך אייך זאגן, נישט דער עולם האט געוויינט, נאר די ווענט האבן געוויינט"! די ווענט האבן געוויינט!**

..די שטילע שמונה עשרה, **אוי אוי אוי, קיין קול האט מען נישט געהערט, נאר די 'בכיות'!** די בכיות איז געווען אזוי גרויס, **די בכיות איז געווען אזוי גרויס, די בכיות, די טרערן, ס'האט געגאסן..** קולות האט מען נישט געהערט - נאר בכיות, געגאסן בכיות! א שמונה עשרה, געוואלד געוואלד!

דאס הייסט, אז א גאנץ יאר דארפן מיר וויסן – און מען זעט דאס אין די בריוון פון ר' נתן – אז יעדער זאך וואס 'ס'גייט איבער' דארף מען געדענקען 'אבער מ'איז געוועןביים רבי'ן ר"ה'. ביי אונז איז יעדער זאך פון אינמיטן יאר מחובר צום ר"ה. איך דארף זיך מתגבר זיין אויף א ענין – אבער איך בין געווען ביים רבי'ן ר"ה..!

**דעם רבינ'ס ר"ה דאס באגלייט מיר אין מיינע אלע התגברות'ן וואס איך דארף זיך שטארקן אין אלע ענינים פון א גאנץ יאר.** איך דארף מקבל זיין די קדושה פון חנוכה דאס אלץ איז געבונדן מיטן ר"ה. איך דארף דעם פסח, מיטן פורים, אלץ איז געבונדן מיטן ר"ה. דער שבועות, אלעס איז חלקים פון דעם ר"ה, ס'איז אלץ איברים וואס זענען געבונדן צום ר"ה.

איז ממילא ווי אזוי בין איך מקבל דעם ר"ה א גאנץ יאר - מיט די שמחה וואס איך פריי זיך מיטן ר"ה! **ר"ה דארף מען זיך פרייען מיטן ר"ה, און א גאנץ יאר דארף מען זיך פרייען מיטן ר"ה!**

ר"ה דאס איז דער גאנצער חִיּוּת פון א גאנץ יאר, אלץ איז תלוי אין דעם ר"ה. ר"ה ער איז דער חִיּוּת, דאס איז דער חִיּוּת פון דעם יאר, ר"ה איז דער חִיּוּת פון דעם יאר!

## בענק צום צדיק וועסטו האבן א גוט יאר!

ממילא, אז ס'קומט ר"ה, וואס דארף מען א גאנצן ר"ה בענקען? איין זאך - אלע תפילות פון ר"ה איז אלץ אפגעטייטשט די זאך. ס'איז דא אסאך דיבורים ר"ה, [אבער] דאס דארף מען וויסן, אלעס דרייט זיך ארום איין מחשבה: ר"ה מיינט אז איך זאל זוכה זיין און די גאנצע וועלט זאלן זוכה זיין, מער און מער נכלל ווערן אין דעם צדיק, מער און מער ווערן בטל צום צדיק, מער מקבל זיין פון צדיק. דאס איז דער כלליות פון אלעס, פון אלע גוט'ס שבעולם!

**דאס איז די ריינקייט פון די מחשבות פון ר"ה: איך זאל זוכה זיין צו זיין א אמת'ער ברסלב'ער חסיד, זוכה זיין צו טראכטן א גאנץ יאר ווי א ברסלב'ער חסיד. איך זאל זוכה זיין צו לערנען ווי א ברסלב'ער חסיד, איך זאל זוכה זיין צו דאווענען ווי א ברסלב'ער חסיד, איך זאל האבן שמירת עינים ווי א ברסלב'ער חסיד.**

ס'איז דאך א אנדער שמירת עיניים; א ברסלב'ער חסיד - די שמירת עיניים, דער חִיוּת וואס דער רבי געבט אריין אין שמירת עיניים - נישטא נאך אזא חִיוּת!

די גאנצע וועלט רעדט פון שמירת עיניים, אבער דער חִיוּת אין שמירת עיניים וואס דער רבי געבט אריין - דאס באקומט מען נארביים רבי'ן! ווייל דער רבי זאגט אז די גאנצע שמירת עיניים איז תלוי אין די שמחה[לו]; ס'האט א חִיוּת!

שמירת עיניים איז נישט קיין זאך וואס א מענטש קען מאכן געצוואונגענערהייט, א מענטש פראבירט אראפנעמען זיינע אויגן און זיינע אויגן לויפן אים דווקא, ער פראבירט נישט טראכטן, טראכט זיך אים דווקא..

---

**לו.** ראה ליקו"מ תורה קס"ט: וְזֶהוּ בְּחִינַת וְשָׁמַר ה' לְךָ אֶת הַבְּרִית כִּי כְּשֶׁתִּזְכֶּה לְשִׂמְחָה אֲזַי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ יִשְׁמֹר לְךָ אֶת הַבְּרִית דְּהַיְנוּ שֶׁיִּהְיֶה בְּעֶזְרְךָ לִשְׁמֹר אֶת הַבְּרִית קֹדֶשׁ **כִּי עִקַּר פְּגַם הַבְּרִית הוּא עַל יְדֵי עַצְבוּת** כַּיָּדוּעַ, כִּי פְּגַם הַבְּרִית בָּא עַל יְדֵי הַקְּלִפָּה הַיְדוּעָה שֶׁנִּקְרֵאת לִילִית עַל שֵׁם שֶׁמְּיַלֶּלֶת תָּמִיד, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת עַצְבוּת. **וְעַל כֵּן עִקַּר שְׁמִירַת הַבְּרִית זוֹכִין עַל יְדֵי שִׂמְחָה** כִּי עַל יְדֵי שִׂמְחָה זוֹכִין שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ יַעֲזֹר לוֹ לִשְׁמֹר אֶת הַבְּרִית קֹדֶשׁ כַּנַּ"ל. וראה בליקו"ה תולעים ד, ב: עִקַּר הִתְגַּבְּרוּת הַיֵּצֶר הָרָע הוּא בִּפְגַם הַבְּרִית, חַס וְשָׁלוֹם, כִּי עִקָּרָא דְּיִצְרָא בִּישָׁא לְגַלָּאָה עֲרָיִן וְכוּ', כְּמוֹ שֶׁאָמַר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. **וְעִקַּר תַּאֲוַת הַמִּשְׁגָּל וּפְגַם הַבְּרִית הוּא עַל-יְדֵי עַצְבוּת. כְּמוֹ שֶׁשָּׁמַעְתִּי מֵרַבֵּנוּ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וְכַמּוּבָא בִּדְבָרָיו כַּמָּה פְּעָמִים.** וְעַל-כֵּן הַקְּלִפָּה שֶׁמִּתְגַּבֶּרֶת בִּפְגַם הַבְּרִית נִקְרֵאת לִילִית עַל שֵׁם הַיְלָלָה וְהָעַצְבוּת. וְעַל-כֵּן תִּקֵּן רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֲשָׂרָה מִזְמוֹרֵי תְּהִלִּים לְתִקּוּן הַבְּרִית שֶׁהֵם בְּחִינַת עֲשָׂרָה מִינֵי נְגִינָה בְּחִינַת שִׂמְחָה, כִּי עִקַּר פְּגַם הַבְּרִית הוּא עַל-יְדֵי עַצְבוּת וכו'. וּלְהֵפֶךְ תִּקּוּן הַבְּרִית הוּא עַל-יְדֵי שִׂמְחָה בְּחִינַת עֲשָׂרָה מִינֵי נְגִינָה וכו' עיי"ש. [ועיקר שמירת הברית תלוי בשמירת העינים, ראה בתורה ז' ובתורה ל"ו שעיקר שמירת הברית תלוי בעינים, ובשיהר"ן ק"ו. ומובא פעמים רבות בליקו"ה ואכמ"ל.]

ס'ווערט אים דווקא פונקט פארקערט, 'להכעיס' ווערט אים.. ווי באקומט א מענטש א טעם אין שמירת הברית, א טעם אין 'קדושה'? **ווי אזוי באקומט ער די קדושה זאל באקומען א לעבעדיגקייט? - דאס איז תלוי אין התקרבות צום צדיק!**

יעדער איינער וויפל ער פריידט זיך מיטן צדיק, וויפל ער ווערט מער צוגעבונדן צום צדיק, האט ער א חלק פון דעם צדיק. וואס מער ער האט א חלק פון דעם צדיק ווערט ער א אנדער מהות, ער ווערט א אנדער סארט מהות [לז].

ווייל ווער ס'איז מער מחובר צום 'ראש', ווער ס'איז מער מחובר צום שורש, איז ער א אנדער סארט מענטש. וואספארא איבר ס'איז מער מחובר צום הארץ פון דעם מענטש, צום מח פון דעם מענטש - איז דאס מער א לעבעדיגער איבר. וואס ס'איז מער א ווייטערער, איז דאס מער א פארשלאפענער אבר..

וואס מער א מענטש איז מער מחובר צום צדיק, איז ער א אנדער סארט מענטש אינגאנצן! "**המחובר לטהור - טהור**[לח]"; ס'איז א אנדער סארט מענטש [לט].

---

**לז.** ראה ליקו"מ תורה קכ"ט (שע"י ההתקשרות באמונה ודביקות בצדיק, נאכל ונתהפך למהות הצדיק ממש וכו').

**לח.** ראה ליקו"ה פקדון ה, לח: וְזֶה בְּחִינַת שְׁלֹשָׁה סְפָרִים נִפְתָּחִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה צַדִּיקִים נִכְתָּבִין וְנֶחְתָּמִין לְאַלְתַּר לְחַיִּים, רְשָׁעִים לְאַלְתַּר לְמִיתָה, בֵּינוֹנִים תְּלוּיִים וְעוֹמְדִים עַד יוֹם כִּפּוּר. וּכְבָר תָּמְהוּ הַמְפָרְשִׁים עַל מַאֲמָר זֶה וְרֻבָּם מְפָרְשִׁים שֶׁעִקַּר הַכַּוָּנָה עַל חַיִּים נִצְחִיִּים. וְעַל פִּי דַּרְכֵּנוּ יִתְבָּאֵר הֵיטֵב בְּעֵזֶר ה' **כִּי כָּל אֵלּוּ שֶׁזּוֹכִין לֶאֱמוּנַת חֲכָמִים וְנוֹסְעִים לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה כֻּלָּם נִקְרָאִים בְּשֵׁם צַדִּיקִים עַל שֵׁם הַצַּדִּיק שֶׁהֵם מְקֹרָבִים אֵלָיו כִּי "הַמְחֻבָּר לְטָהוֹר טָהוֹר" וְעַל כֵּן הֵם נֶחְתָּמִין לְאַלְתַּר לְחַיִּים** כִּי הַצַּדִּיק הָאֱמֶת כּוֹלְלָם מִיָּד בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה בְּשֵׂכֶל הַכּוֹלֵל בִּבְחִינַת קָדְשֵׁי קָדָשִׁים כַּמְבֹאָר בְּהַתּוֹרָה הַנַּ"ל כִּי הַצַּדִּיק הָאֱמֶת יֵשׁ לוֹ כֹּחַ יוֹתֵר מִן הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל שֶׁנִּכְנָס לִפְנַי וְלִפְנִים כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה יְקָרָה הִיא מִפְּנִינִים שֶׁהֶחָכָם הָאֱמֶת יָקָר מִכֹּהֵן גָּדוֹל שֶׁנִּכְנָס לִפְנַי וְלִפְנִים, וְעַל יְדֵי זֶה נֶחְתָּמִין לְאַלְתַּר לְחַיִּים כִּי מִשָּׁם נִמְתָּקִים כָּל מִינֵי דִּינִים שֶׁבָּעוֹלָם וכו'. עיי"ש. ובליקו"ה נזיקין ה, יז: וְזֶה בְּחִינַת שְׁלֹשָׁה סְפָרִים נִפְתָּחִים בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה, צַדִּיקִים נִכְתָּבִים לְאַלְתַּר לְחַיִּים, רְשָׁעִים לְאַלְתַּר לְמִיתָה, בֵּינוֹנִים תְּלוּיִים וְעוֹמְדִים עַד יוֹם כִּפּוּר וְכוּ'.

איז ממילא אז איך בעט ר"ה אויף התקרבות צום צדיק - גייט מיין שמירת עיניים זיין א אנדער סארט שמירת עיניים!

[און אזוי ווייטער אין אלע ענינים:] דער "בין אדם לחבירו" גייט זיין א אנדער סארט בין אדם לחבירו! "בין אדם לחבירו" איז דאך מורכב פון אזויפיל מידות. קנאה מיט שנאה מיט 'מתכבד בקלון חבירו', מיט אלע סארטן זאכן וואס ס'טוט זיך, אן א שיעור זאכן וואס ס'פארקאטשעט זיך צווישן מענטשן..

ווי קריכט מען ארויס פון דעם? ווי באקומט א מענטש אהבת הבריות, ווי באקומט א מענטש ער זאל זיך פרייען מיט יענעמ'ס שמחה; ער זאל הנאה האבן אז זיין חבר האט שמחה, ער זאל הנאה האבן אז זיין חבר האט כבוד, זיך פרייען מיטן חבר'ס הצלחה.

ווי אזוי ווערט מען א אנדער סארט מענטש? ווי קען מען ווערן א אנדער סארט מענטש?! די גאנצע קאפ פון א מענטש ארבעט פונקט פארקערט, נאר ער זוכט ער זאל בולט זיין און ער זאל זיין.. ער קען נישט פארגונען דעם צווייטנ'ס הצלחה. די גאנצע קאפ פון דעם מענטש איז פונקט פארדרייט, אינגאנצן פארדרייט אין דעם בין אדם לחבירו.

---

[..] **"צַדִּיקִים" הֵם הַנִּלְוִים לְהַצַּדִּיקֵי אֱמֶת הַיּוֹשְׁבִים עַל הַמִּשְׁפָּט {עיי"ש} הֵם נִכְתָּבִין לְאַלְתַּר לְחַיִּים**, כִּי בְּוַדַּאי יַעֲלוּ אוֹתָם הַצַּדִּיקִים אֶל הַדַּעַת דִּקְדֻשָּׁה לְחַיֵּי עוֹלָם, כִּי אֲפִלּוּ אִם יֵשׁ בָּהֶם פְּגָמִים כִּי אֵין צַדִּיק בָּאָרֶץ וְכוּ', **וַאֲפִלּוּ אִם יֵשׁ בָּהֶם פְּגָמִים רַבִּים וְקִלְקוּלִים הַרְבֵּה מְאֹד, הֵם בִּכְלַל צַדִּיקִים. מֵאַחַר שֶׁדְּבֵקִים וּמִתְקָרְבִים לְהַצַּדִּיקֵי אֱמֶת, כִּי "הַדָּבוּק לְטָהוֹר טָהוֹר"**, כִּי הַצַּדִּיקִים זֶה עִקַּר עִסְקָם לְקָרֵב כָּל הָרְחוֹקִים הַמִּתְגַּעְגְּעִים וְחוֹתְרִים לְהִתְקָרֵב אֶל הָאֱמֶת וַעֲלֵיהֶם נֶאֱמַר וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים וְכוּ'.

**לט.** וראה בקונטרס ההתקשרות לרבי שמואל הורביץ פרק ג: **הַהִתְקָרְבוּת וְהַהִתְקַשְּׁרוּת לְהַצַּדִּיק הוּא כְּלָלִיּוּת דִּכְלָלִיּוּת שֶׁל כָּל הָעֲבוֹדוֹת וְהָעֵצוֹת וְהַמַּדְרֵגוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת**, כִּי זֹאת יָדוּעַ שֶׁאַחֲרֵי כָּל הַטּוֹבוֹת שֶׁעָשָׂה רַבֵּנוּ זַ"ל עִמָּנוּ, בְּהַתּוֹרוֹת וְהַמַּעֲשִׂיּוֹת וְהַשִּׂיחוֹת וְהָעֵצוֹת שֶׁגִּלָּה לָנוּ - שֶׁיְּכוֹלִים לִזְכּוֹת עַל יָדָם לְמַה שֶּׁיְּכוֹלִים לִזְכּוֹת שֶׁאֵין לְמַעְלָה מִזֶּה, אַף־עַל־פִּי־כֵן כֹּחוֹ הַגָּדוֹל וְהָעָצוּם גָּבֹהַּ הַרְבֵּה הַרְבֵּה מְאֹד שֶׁאֵין לְשַׁעֵר מִכָּל מַה שֶּׁגִּלָּה, וַאֲפִלּוּ מִמַּה שֶּׁלֹּא גִּלָּה וְכוּ'.. וְאִם כֵּן **הַהִתְקָרְבוּת בְּעַצְמוֹ וְהַדְּבֵקוּת לְהַצַּדִּיק גָּבֹהַּ הַרְבֵּה הַרְבֵּה יוֹתֵר גַּם מִמַּה שֶּׁיְּכוֹלִים לִזְכּוֹת עַל־יְדֵי עֵצוֹתָיו הַקְּדוֹשׁוֹת, כִּי "הַמְחֻבָּר לַטָּהוֹר טָהוֹר'**.

קוים א מענטש פוצט זיך אויס פונדרויסן ער זאל אויסקוקן ווי א מענטש, ער זאל נישט אויסקוקן ווי א חיה.. ווען מענטשן זאלן ווען וויסן זיינע מחשבות וואס ער טראכט אויף זיי - וואלטן זיי פון בושה אים ארויסגעווארפן פון פענסטער.

א מענטש זיצט און ער טראכט: אה, ער גייט האבן א מפלה.. – שעמסטו זיך נישט ווי דו טראכסט? שעמסט זיך נישט וואס דיינע מחשבות גלוסטן, אוואו ליגט דיין קאפ? - ווי קריכט מען ארויס פון אזעלכע בלאטעס?!

**נאר דער שורש פון די המתקה פון די 'מידות' פון דעם מענטשן - איז נאר דורכן צדיק, נאר דורכן צדיק!** ווער ס'באקומט א טעם אין צדיק ווערט א אנדער סארט מענטש, א אנדער סארט מענטש! ער ווערט א פשוטער מענטש, ער באקומט א חִיּוּת אין תמימות, ער ווערט א אנדער סארט מענטש..

און אזוי אויך אין אלע זאכן – [אין] א טעם אין דאווענען, ס'איז א עבודה קשה; דאווענען איז א עבודה קשה, יעדער מענטש מיט זיינע סארט נסיונות אין דאווענען. מ'פאלט און מ'הויבט זיך, מ'פאלט און מ'הויבט זיך, ס'איז א עבודה קשה. ער זאל האבן א חִיּוּת אין דאווענען, זיך שטארקן אין דאווענען. דער חִיּוּת צו זיך וועלן שלאגן אויפן דאווענען א גאנצע צייט, א גאנצן לעבן, א גאנצן יאר. דער חִיּוּת; **ס'זאל אריינגיין אין דעם מענטשן א חִיּוּת צו זיך וועלן שלאגן אויפן דאווענען - דאס באקומט מען מיט התקרבות צום צדיק!**

דורך דעם וואס מען ווערט דערנענטערט צום צדיק, דער צדיק'ס חִיּוּת גייט אריין אין דעם מענטשן, דעם צדיק'ס ווערטער גייט אריין אין דעם מענטשן! הויבט אן א מענטש אנדערש הערן אלעס, ס'ווערט א אנדער סארט מענטש אינגאנצן, א אנדער זאך; מ'ווערט א אנדער זאך. און אזוי אין אלע ענינים - אלץ ווענדט זיך אין די התקרבות און ביטול צום צדיק.

אבער, מ'קען נישט טראכטן בפרטיות; דעם פרט, און דעם פרט.. - מ'דארף וויסן ס'איז דא א כלל, במילא איז עס כולל אלע פרטים. ר"ה דארף

מען וויסן איין זאך: **מיין הצלחה איז** וואס מער איך זאל זוכה זיין צו זיין נכתב ונחתם בספרן של צדיקים אמיתיים. **איך זאל זוכה זיין צו ווערן פארשריבן און נחתם ווערן [מיט דעם צדיק].**

דער רבי רופט עס "**חותם בתוך חותם**"; גוט גוט פאר'חתמ'עט ווערן! גוט גוט פארסטעמפלט ווערן מיטן רבינ'ס חותם! א מענטש זאל באקומען זיין פנים, זיין פנים זאל זיין א פנים פון א ברסלב'ער. דער פנים זאל זיין א חותם, א חותם וואס איז גע'חתמ'עט מיטן חותם פון צדיק[מ]!

דאס איז דער ר"ה - דאס איז דער גאנצער ר"ה, דאס איז דער מהות פון ר"ה. אויף דעם דארף מען בעטן, אויף דעם דארף מען בענקען. און נישט נאר בעטן - ס'איז דא בעטן, און ס'איז דא [אז] דאס דארף זיין מיינע רצונות. אפילו צווישן בעטן; פארן בעטן, נאכן בעטן. דאס דארף זיין מיינע מחשבות!

דאס דארף מען זיך אנגרייטן, בעטן דעם אויבערשטן אז מ'זאל זוכה זיין אויף קדושת ר"ה; אז מ'זאל זוכה זיין צו באקומען די קדושה. און די קדושה, אז מ'איז זוכה און מען באקומט עס ר"ה, אז דאס גייט אריין אין אונז – איז מען א אנדער מענטש א גאנץ יאר.

דאס איז אזוי ווי א מענטש וואס האט אנגעגרייט גוטע פלענער צו בויען דעם בנין, קען מען טאקע שפעטער בויען א בנין. אבער אז א מענטש האט נישט אוועקגעגעבן קיין צייט און מחשבה, מ'זאגט אים מ'דארף אוועק געבן צוויי דריי טעג צו אנגרייטן גוטע פלענער - און ער זאגט מ'גייט בויען דעם בנין. אויב אין די דריי טעג, אנשטאט צו אנגרייטן פלענער, איז ער געגאנגען און אנגעברענגט לאסט מאשינען מיט שטיינער מיט פלטה מיט אנדערע זאכן, די ערשטע זאל זיין די שטיינער.. - די ערשטע זאך דארף זיין א פלאן, נישט קיין שטיינער. די ערשטע זאך דארף זיין א פלאן!

---

**מ.** ראה בליקו"מ תורה ק"מ.

## די 'קטנות דקטנות' פון ר"ה

מ'קומט ר"ה דארף מען וויסן, יעצט איז דער פלאן! - מ'דארף אלעס [ארום] אוועקלייגן. ר"ה זוכט מען זיך נישט קיין שום באקוועמליכקייטן. מ'געבט נישט קיין סאך צייט צו פארברענגען נישט ביים עסן, נישט ביים שלאפן, יעדער זאך גייט בזריזות, בזריזות; ארייננכאפן טעג פון תפילה.

אסאך מאל ווערט מען איבערגעשטרענגט ביים דאווענען, אבער מ'דארף וויסן: דאס איז טעג! די **'קטנות דקטנות'** וואס מ'האט ר"ה, **איז גרעסער פון די 'גדלות דגדלות' פון אינמיטן יאר.** אפילו דו דאוונסט יעצט מיט די שוואכסטע כוונות וואס דו האסט, אבער וויסן זאלסטו: די שוואכסטע כוונות וואס דו האסט יעצט, איז גרעסער ווי די גרעסטע כוונות וואס דו האסט אינמיטן יאר...

במילא ד'זאלעווע נישט, פאטשקע נישט - כאפ אריין; יעדער ברעקל, יעדער ביסל כוונה.. דער רבי האט געזאגט[מא]: **"יא געדאווונט, נישט געדאווונט"**, נישט געדאווונט אבער געדאווונט. אפילו 'נישט געדאווונט' דארפסטו אבער דאווענען. כאפ אריין, נאך אביסאלע, נאך אביסאלע, נאך אביסאלע..

אסאך מאל א מענטש פילט זיך אינמיטן ר"ה; ער ווייסט נישט וואס ער טוט דא - ער פילט זיך אינמיטן עפעס אזוי פארווארפן ערגעץ, ער איז אריינגעפאלן בטעות דא, ער ווייסט בכלל נישט וואס איז מיט אים..

איז דארף ער אנהייבן נאכאמאל. וואס איז? אדרבא, דער רבי האט ליב אז מ'הויבט אן פון ווייט - הויב אן פון ווייט! איך ווייס נישט, איך ווייס נישט פונוואנעט איך הויב אן. איך קום פון די ווייטסטע פלעצער.. - יעצט הויב זיך אן צו ציהען! הויב זיך אן ציהען פון די ווייטסטע פלעצער..

---

**מא.** חיי מוהר"ן ת"ד.

דער רבי האט געזאגט[מב]: **"איך ווינטש זיך צו זעהן די ליכטיגקייט פון די וועגן וואס מ'קומט צו מיר אויף ר"ה"**. שטעלט זיך פאר א מענטש אינמיטן ר"ה, **ער איז אינגאנצן פארפלויגן געווארן ערגעץ ווייט**, ער דארף נאכאמאל קומען צום רבי'ן.. - וואויל איז דיר! מאך נאכאמאל די ליכטיגקייט פון די וועגן.. **מ'קומט נאכאמאל צום רבי'ן אויף ר"ה!**

אינמיטן ר"ה, צווישן 'מלכיות' מיט 'זכרונות' דארטן, ער שטייט פארשטעקט; נישט אהער און נישט אהין.. דער 'בעל תקיעה' בלאזט נאך נישט, און ער שטייט און ווארט.. ער האט נישט קיין טעם אין דאווענען, שטייט פאר'חלומ'ט.. ער ווייסט נישט ווי ער שטייט בכלל אויף דער וועלט. איז וואס איז?! - הויב אן יעצט! גיי צום רבי'ן פון דא!

במחשבה איז נישטא קיין 'איסור תחומין', מ'מעג גיין, מ'מעג גיין קילומטר'ס, מ'מעג קומען צו פארן פון עק וועלט. פון וואו דו ביסט, אוואו מ'איז, פון גרוזיע פון קווקז.. אוואו דו ביזסט פארפארן געווארן קענסטו צוריקומען! - מ'קומט צו פארן א נסיעה, אינמיטן ר"ה קומט מען צו פארן צום רבי'ן, פריש..

נאכאמאל, אפילו די גרעסטע קטנות וואס דו האסט איצטער, זאלסטו וויסן אז ס'איז גרעסער ווי די גרעסטע גדלות וואס דו האסט אינמיטן יאר. זאלסטו וויסן, ס'איז בריליאנטן, אלעס איז בריליאנטן; יעדער משהו, יעדער פינטאלע וואס מ'כאפט אריין ר"ה.

יעצט איז דער קאפ פון דער יאר! זאלסט וויסן: **די שענסטע טעג וואס דו האסט אינמיטן יאר איז תלוי אין די שוואכסטע מינוטן וואס דו האסט יעצט!** כאפ אריין! די שוואכסטע מינוטן וואס דו האסט יעצט, דאס איז דער

---

**מב.** חיי מוהר"ן רצ"א: בְּעֶרֶב רֹאשׁ־הַשָּׁנָה הָאַחֲרוֹן בְּאוּמָין דִּבֵּר מִזֶּה וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: **"אִיךְ וִוינְטְשׁ מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהן דָאס לֶעכְטִיקַייט פוּן דִיא וֶועגִין וָואס אִיר פָּארְט אוֹיף זֵייא צוּ מִיר"**, אַחֲלַי שֶׁאֶזְכֶּה לִרְאוֹת אוֹר בְּהִירוּת הַדֶּרֶךְ שֶׁאַתֶּם נוֹסְעִים עָלָיו אֵלַי.

קאפ פון די שענסטע טעג וואס דו האסט אינמיטן יאר! **פארשטיי דעם ערך פון דעם טאג!**

## איך ווייס גארנישט – אבער איך האב א רבי!

דאס איז דער טאג, דאס איז דער מציאות. אין די טעג שטיי מיט א תמימות, מיט א תמימות! ר"ה איז נישט קיין טאג פון 'חכמות', **ר"ה איז א טאג פון 'נאר תמימות'**[מג]. מ'לייגט אוועק דעם מח, מ'גלויבט דעם רבי'ן!

דער רבי זאגט אז אלץ איז תלוי אין ר"ה. קום, קום דא און זיי מתפלל און האף צו גוטס. פארלאז זיך אויפן כח הצדיק, ער האט דעם כח פון המתקת הדינים. גלויב אז דו קענסט ווערן א אנדער מענטש! האב נישט אויף זיך קיין 'הקדמות'; איך בין אזא סארט, איך בין אזא סארט, איך קען זיך שוין..

זאלסט וויסן אז מיט די מחשבות וואס דו האלסט אז דו קענסט זיך, פאר'סמסטו זיך! יעדער איינער דארף וויסן אז ס'איז נישטא – אזוי זאגט

**מג.** ראה ליקו"ה נט"י שחרית ג, ה: וְעַל-כֵּן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה, שֶׁהוּא יוֹם רִאשׁוֹן לַעֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, יוֹם רִאשׁוֹן לִבְרִיאַת אָדָם הָרִאשׁוֹן, אָז צְרִיכִין בְּחִינַת שֵׁנָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת בִּטּוּל שֶׁמְּבַטְּלִין עַצְמוֹ לְגַמְרֵי כְּאִלּוּ אֵין לוֹ שׁוּם דַּעַת, רַק צוֹעֲקִין לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּמַמְלִיכִין אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ **בִּתְמִימוּת גָּמוּר בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת.** [..] עַל-כֵּן צְרִיכִין אָז לְבַטֵּל עַצְמוֹ לְגַמְרֵי בִּבְחִינַת שֵׁנָה, דְּהַיְנוּ לְסַלֵּק וּלְבַטֵּל דַּעְתּוֹ לְגַמְרֵי כְּאִלּוּ אֵין לוֹ שׁוּם דַּעַת כְּלָל, רַק **לְהַמְלִיךְ אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמוּנָה וּבִתְמִימוּת גָּמוּר בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת, שֶׁכָּל זֶה עִקַּר עֲבוֹדָתֵנוּ בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה** וְיוֹם הַכִּפּוּרִים שֶׁאָנוּ עוֹסְקִין רַק לְגַלּוֹת מַלְכוּתוֹ בְּלִי שׁוּם חָכְמָה, כִּי אָנוּ מְסַלְּקִין דַּעְתֵּנוּ לְגַמְרֵי וּמְבַטְּלִין עַצְמֵנוּ לְגַמְרֵי, שֶׁזֶּהוּ עִקַּר עֲבוֹדָתֵנוּ בְּאֵלּוּ הַיָּמִים הַנּוֹרָאִים שֶׁאָז עוֹסְקִין כָּל יִשְׂרָאֵל בִּתְפִלּוֹת וְתַחֲנוּנִים וּבְשִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת שֶׁל סֵפֶר תְּהִלִּים וּשְׁאָרֵי מִינֵי בַּקָּשׁוֹת וּתְחִנּוֹת וּסְלִיחוֹת וּפִיּוּטִים וְכוּ', שֶׁכָּל זֶה הוּא בְּחִינַת תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת בְּלִי חָכְמוֹת כְּלָל, כִּי אָנוּ מְגַלִּין מַלְכוּתוֹ יִתְבָּרַךְ בִּתְמִימוּת לְבַד בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת. (וראה גם בהל' בית הכנסת ה, יז. ובהל' ריבית ה, ט).

דער רבי אין **תורה ס"א**[מד] – נישטא נאך א זאך וואס ס'איז דן דעם מענטשן אזוי ווי דעם.. אלע דינים וואס קומט אויפן מענטשן איז פון זיינע אייגענע מחשבות!

דאס וואס דו טראכסט אויף דיר - אז 'דו ביזסט אזא סארט און ס'דארף שוין זיין אזוי מיט דיר און ס'גייט שוין זיין אזוי', דו ביסט רגיל א גאנץ יאר צו טראכטן אזוי ווי.. - זאלסטו וויסן אז די מחשבה וואס דו טראכסט, דאס איז דער "**שורש הדינים**", דאס איז דיר אליין דן. דיינע מחשבות זענען דיר דן!

אז דו ווילסט גערעטעוועט ווערן, ווילסט ממתיק זיין די 'דינים' - זאלסטו אוועקלייגן דיינע מחשבות. זאגן: איך קען זיך נישט, איך ווייס בכלל נישט ווער איך בין, איך ווייס בכלל נישט ווער איך בין געווען, איך ווייס נישט וואס ס'גייט מיט מיר זיין; **איך ווייס נישט גארנישט! איך בין מבוטל צום רבי'ן - דער רבי ווייסט ווער איך בין!**

ר' נתן האט געזאגט[מה]: "**איך קען זאגן פשט אויפן שווערסטן מהר"ם שיף אבער איך קען נישט זאגן פשט אויפן פחות שבישראל**". אויפן שווערסטן מהר"ם שי"ף קען איך זאגן – אבער אין א פחות שבישראל קען איך נישט זאגן קיין פשט..

א מענטש האלט אז ער פארשטייט זיך; איך האב א פשט אויף זיך.. - איך פארשטיי גארנישט; איך קען זיך נישט אינגאנצן, איך קען זיך נישט..

**ווער עס קען מיר - איז דער רבי!**

---

**מד.** וזל"ש: **כִּי כָּל הַמְתָּקוֹת שֶׁל כָּל הַצִּמְצוּמִים וְהַדִּינִים, הוּא עַל יְדֵי הַשֵּׂכֶל**, כִּי "כֻּלָּם בְּמַחֲשָׁבָה אִתְבְּרִירוּ" (זוהר פקודי רנד:) **שֶׁהַשֵּׂכֶל הוּא שֹׁרֶשׁ הַדִּינִים** וְשָׁם נִמְתָּקִים הַדִּינִים וכו' עיי"ש. ובתורה רי"א (שיש לה שייכות לתורה ס"א, ראה חיי"מ נ"ט ובפל"ח ס"א, י): **כִּי עִקַּר הַמְתָּקַת הַדִּינִין אֵינוֹ אֶלָּא עַל יְדֵי קְדֻשַּׁת וְטָהֳרַת הַמַּחֲשָׁבוֹת כִּי שָׁם שָׁרְשָׁם** כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר "כֻּלָּא בְּמַחֲשָׁבָה אִתְבְּרִרוּ".

**מה.** ראה שיש"ק החדש ג, י"ד.

**ווער ס'פארעט זיך מיט מיר - איז דער רבי!**

**ווער ס'ברענגט מיר דעם גוט יאר - איז דער רבי!**

איך בין זיך נאר מצרף; איך בין זיך מצרף צו די מלחמה - און דער צדיק גייט פאר מיר!

דער רבי זאגט[מז]: "**וואס האט איר צו זארגן - אז איך גיי פאר אייך!**" וואס האט איר צו זארגן?! דער רבי גייט פאר אונז - וואס האבן מיר צו זארגן - -

דער גאנצער ענין פון זארגן און די אלע איבעריגע מחשבות - געהערט נישט צו אונז[מז], דער רבי גייט פאר אונז! אזוי האט דער רבי געזאגט "וואס האט איר צו זארגן, אז איך גיי פאר אייך!"

---

**מז.** חיי"מ קצ"א: וְאָמַר: **מַה לָּכֶם לִדְאֹג מֵאַחַר שֶׁאֲנִי הוֹלֵךְ לִפְנֵיכֶם**, אֵלּוּ אֲנָשִׁים מֵאֲנָשֵׁינוּ שֶׁמֵּתוּ מִקֹּדֶם הָיָה לָהֶם חֲשָׁשׁ, **אֲבָל אַתֶּם מֵאַחַר שֶׁאֲנִי הוֹלֵךְ לִפְנֵיכֶם אֵין לָכֶם לָחוּשׁ כְּלָל**. וּמָה אִם הַנְּשָׁמוֹת שֶׁלֹּא הִכִּירוּ אוֹתִי כְּלָל הֵם מְצַפִּים עַל תִּקּוּנִים שֶׁלִּי, מִכָּל־שֶׁכֵּן אַתֶּם. ובחיי"מ רכ"ה: **וּבַלַּיְלָה שֶׁקֹּדֶם הִסְתַּלְּקוּתוֹ אָמַר מַה לָּכֶם לִדְאֹג מֵאַחַר שֶׁאֲנִי הוֹלֵךְ לִפְנֵיכֶם.**

וראה בעל"ת מכתב תע"ג: **אַשְׁרֶיךָ בְּנִי וְאַשְׁרֵי כֻּלָּנוּ כְּשֶׁבָּאנוּ לָעוֹלָם בְּעֵת שֶׁנִּתְגַּלָּה אוֹר חָדָשׁ כָּזֶה, אוֹר קָדוֹשׁ וְנוֹרָא כָּזֶה אוֹר הָאוֹרוֹת לוֹ דוּמִיָּה תְהִלָּה**. עַתָּה מָה אוֹסִיף לְדַבֵּר אֵלֶיךָ בִּנְחִיצָה כָּזֹאת כְּבוֹד שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב וּמוֹסֵר כְּתָב זֶה נָחוּץ.. **רַק חֲזַק וֶאֱמַץ וְשַׂמַּח נַפְשְׁךָ בְּכָל הַנַּ"ל, כִּי ה' אִתָּנוּ אַל תִּירָא וְאַל תִּפְחַד וְאַל תֵּחַת כְּלָל כִּי לֹא יַעֲזֹב ה' אוֹתְךָ לֹא בְּעָלְמָא הָדֵין וְלֹא בְּעָלְמָא דְּאָתֵי; כִּי הִנֵּה זֶה יָצָא לְפָנֵינוּ, וְאָמַר בְּפֵרוּשׁ קֹדֶם הִסְתַּלְּקוּתוֹ לְעֵלָּא וּלְעֵלָּא: אַז אִיךְ גֵּייא פַאר אַייךְ וָואס הָאט אִיר צוּ זָארְגֶען**.. [מֵאַחַר שֶׁאֲנִי הוֹלֵךְ לִפְנֵיכֶם מַה לָּכֶם לִדְאֹג]. ובמכתב תכ"ב: ..אוּן טַאקֶי פָּארְט הָאפּ נָאר גִישְׁפְּרִינְגֶען אוּן גָאר נִיט אִיבֶּיר גִיטְרַאכְט, גָּאט אִיז מִיט אוּנְז!. **וּזְכֹר הֵיטֵב מַה שֶּׁאָמַר זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה קֹדֶם הִסְתַּלְּקוּתוֹ הַקָּדוֹשׁ. אַז אִיךְ גֵּיי פַאר אַייךְ וָואס הָאט אִיר צוּ זָארְגִין** [אֲנִי הוֹלֵךְ לִפְנֵיכֶם, מָה יֵּשׁ לָכֶם לִדְאוֹג]. ס

**מז.** ראה בחיי"מ רצ"ג: **מַה לָּכֶם לַחֲשֹׁב מַחֲשָׁבוֹת**, אֵין אַתֶּם צְרִיכִים כִּי־אִם לָתֵת אֲבָנִים וָסִיד **וַאֲנִי בּוֹנֶה מֵהֶם בִּנְיָנִים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים** (כְּלוֹמַר שֶׁאָנוּ צְרִיכִין רַק לַעֲסֹק בַּעֲבוֹדַת ה' בִּפְשִׁיטוּת בְּתוֹרָה וּבִתְפִלָּה וּמִצְווֹת וְהוּא עוֹשֶׂה בָּזֶה מַה שֶּׁעוֹשֶׂה) "אִיר דַארְפְט נָאר צוּ טְרָאגְן שְׁטֵיינֶער אוּן וָואפְּנֶע אוּן אִיךְ בָּאוֶועֶ דֶער פוּן בִּנְיָנִים" (וּמָשַׁךְ הַרְבֵּה תֵּבַת בִּנְיָנִים **כְּמַפְלִיג בְּשֶׁבַח נִפְלְאוֹת תִּפְאֶרֶת הַבִּנְיָנִים הַנּוֹרָאִים שֶׁבּוֹנֶה מִזֶּה**). ובעל"ת מכתב ע"ג: חִזְקוּ וְאִמְצוּ מְאֹד מְאֹד בְּכָל יוֹם מֵחָדָשׁ **וְאַל יְבַהֲלוּ אֶתְכֶם רַעְיוֹנֵיכֶם וְכוּ'**. בִּפְרָט שֶׁתְּהִלָּה לָאֵל יֵשׁ לָנוּ כְּתֵפַיִם רְחָבִים עַל

**דער רבי גייט פאר אונז - און ער פירט אויס פאר אונז די שענסטע זאכן.. מ'דארף זיך נאר מבטל זיין! וואס דער רבי וואַרט פון אונז; איז אוועקלייגן דעם שכל.**

און אוועקלייגן דעם שכל – הייסט, אוועקלייגן טויזנט מאל דעם שכל. איך ווייס נישט, איך האב שוין אוועקגעלייגט, אינמיטן איז צוריק געוואקסן דעם שכל - ס'האלט מיר אין איין וואקסן שכל, איך האלט אין איין באקומען ימ'ען שכל..

איך דארף א גאנצע צייט אוועקווארפן מיין שכל. יעדע רגע דאכט זיך מיר אז איך בין שוין איבער א נייעס געווערן א חכם – לייג איך אוועק נאכאמאל. אינמיטן ווייטער - נאכאמאל.. מ'האלט אין איין מפנה זיין די אשפות, **א גאנצן ר"ה דארף מען האלטן אין איין מפנה זיין די אשפות.. דאס וואס מ'דארף טאן, א גאנצע צייט אוועקנעמען** (די אלע חכמות).

אבער ווי אזוי נעמט מען אוועק? נישט אז מ'הויבט אן פאטשקען - מ'נעמט **זיך** אוועק! די אשפות קענסטו לאזן - **דו גיי אוועק!** נעם זיך אריין אין עפעס גוטס, נעם זיך אריין די שוואכסטע גוטס, [ס'איז] בעסער ווי די שענסטע שמוץ.

זאל זיין די שוואכסטע גוטס - אבער גיי אריין דארטן! גיי אריין, נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל..

דאס איז די טהרת המחשבות, דאס איז די ריינע מחשבות פון ר"ה!

דער אויבערשטער זאל העלפן מ'זאל זוכה זיין טאקע זיך אנגרייטן צום ר"ה ווי ס'דארף צו זיין. מיר האבן נאך יעצט א צוויי וואכן, מיר זענען יעצט אריינגעגאנגען אין דער אנדער האלבע אלול. מ'קען נאך אריינכאפן.

---

מִי לִסְמֹךְ, יֵשׁ וָיֵשׁ בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - **רַק לֶאֱחֹז עַצְמוֹ בִּשְׁתֵּי יָדַיִם וּבְכָל כֹּחוֹ בִּנְקֻדַּת הָאֱמֶת** וכו'.

"**קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה'** [מח]" - מיט אסאך דיבורים צום אויבערשטן. רעדן צום אויבערשטן אויף אידיש, רעדן צום אויבערשטן מיט די תפילות, רעדן צום אויבערשטן מיט תהילים, רעדן צום אויבערשטן מיט סליחות, רעדן צום אויבערשטן ביים דאווענען. רעדן צום אויבערשטן, זיין מיטן דיבור צום אויבערשטן, זיך אומקערן מיט דיבור צום אויבערשטן, ארייננכאפן די צייט..

מיט דעם וועלן מיר טאקע זוכה זיין צו האבן א ערב ר"ה מיט א ר"ה ביים רבי'ן. און מיר וועלן זוכה זיין צו האבן א געבענטשטע יאר, "תכלה שנה וקללותיה תחל שנה וברכותיה". און מ'זאל זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה, מ'זאל זוכה זיין נכתב ונחתם ווערן בספרן של צדיקים אמיתים - און זיין מיטן רבי'ן א גאנץ יאר!

**מח.** הושע יד, ג. [וענין זה שעיקר התשובה בליקו"ה שעיקר התשובה הוא ע"י התפילה וכח הדיבור חוזר ונשנה פעמים רבות בליקו"ה. ראה בליקו"ה ק"ש ה, יד: **עִקַּר הַתְּשׁוּבָה עַל-יְדֵי הַדִּבּוּר**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (הוֹשֵׁעַ יד), "קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה'", כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יוֹמָא פֶּרֶק ו), אֵינִי מְבַקֵּשׁ מִכֶּם אֶלָּא דְּבָרִים. וְהוּא בְּחִינָה הַנַּ"ל, **שֶׁעִקַּר הַתְּשׁוּבָה זוֹכִין עַל-יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים**, שֶׁהוּא כֻּלּוֹ דִּבּוּרִים קְדוֹשִׁים שֶׁל צְעָקוֹת וּתְחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת וְשִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, שֶׁעַל יְדֵי זֶה זוֹכִין לִתְשׁוּבָה וכו' (וראה שם באות י"ח דיבורים נפלאים בעני"ז). ובהל' ברכת הפירות ה, כא: כִּי **עִקַּר הַתְּשׁוּבָה עַל-יְדֵי תְּפִלָּה** כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה'. ובהל' ר"ח ה, כה: **עִקַּר הַתְּשׁוּבָה עַל-יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים שֶׁהוּא בְּחִינַת הִתְבּוֹדְדוּת וְהָעִקָּר כְּשֶׁעוֹשִׂין מֵהַתּוֹרוֹת תְּפִלּוֹת וכו'**].

בס"ד

מִי שֶׁתּוֹרָתוֹ בְּלֹא הֲבָנָה בָּהּ שׁוּם חִדּוּשׁ, אַף עַל פִּי שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִתְעַנֵּג בָּהּ גַּם כֵּן, אַף עַל פִּי כֵן אֵין לִדְרֹשׁ אוֹתָהּ לָרַבִּים

**אֲבָל מִי שֶׁחֲנָנוֹ ה' לְהָבִין וּלְחַדֵּשׁ אֵיזֶה דָּבָר כָּל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ, הַיּשֶׁר מְחַיֵּב, שֶׁיְּגַלֶּה וְיַכְנִיס זֹאת הַהֲבָנָה לְעַם סְגֻלָּה, וְיֵיטִיב מִטּוּבוֹ לַאֲחֵרִים**

(ליק"ע)

# מגלים ומכניסים זאת ההבנה לעם סגולה !

## יש לנו עכשיו את ההזדמנות ואת הזכות להוציא לאור

**דיבורי ראש חבורתנו הבלתי נשכח**

# ר' חיים בנימין וורטהיימר ז"ל

## שדיבוריו היה לחדש ולהחיות את דברי רביה"ק לקיימם בתמימות ופשיטות

# חבר יקר !

## קח שותפות קבוע בעסק קדוש זה

**אִיהר קָאנְט זַיין שְׁטַארְק מִיט גֶעלְט**
**און מִיט רָצוֹן און מִיט טִרְחָא**

| ירושלים: | בית שמש: |
| --- | --- |
| **לתרומות** | |
| הר"ר יהודה שטרנפלד הי"ו | הר"ר דוב בער רובינפלד הי"ו |
| 05331.93747 | 05341.52325 |